זיבעצענטער יאָהרגאנג
№ 30
פּרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG“.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

Piątek 29 lipca 1938
ליכט-צינדען 7,18
פרייטאג פ׳ מ״ום א״ אלול תרצ״ח

Dr. med. Julian Lipiński
N. Panny Marii 24.
Telefon 24 97.
powrócił.

Dr. T. LEWKOWICZ
CHOROBY OCZU
POWRÓCIŁ
ALEJA 6. Telef. 11-07.
Godz. przyjęć 10—12 i 4—7.

DR. MED.
Cz. ORLIŃSKA
powróciła
przyjmuje od godz. 2 do 4 pp.
Aleja Kościuszki № 25.

ד״ר
חיים פאַלק
האַלז, נאָז און אויערען-
קראַנקהייטען
איז צוריקגעקומען
אונ נעמט - אן פון 9 ביז 12
און פון 5 ביז 7 נאָכמיטאָג
2-טע אַלעע 37,
טעלעפאָן 15-16

דער ערשטקלאַסיגער
פוטער-ווערקשטאַט פון די **ברידער אַבערמאַן**
איז פון 1-טען יולי ד. י.
איבערגעטראָגען געוואָרען
אין לאָקאַל פון דער פירמע
איידעלמאַן, פילסודסקי № 7
נוצט אויס דעם ביליגען חודש פון איבער-
אַרבייטען אַלערליי פוטערס אויף בעשטעלונגען

ווּיעלון.

זונטאָג, דעם 31 ליפּיעץ אין אייגענעם לאָקאַל אָגראָדאָווא 6, קומט פאָר די יעהרליכע

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

פון מעות עניים והכנסת אורחים אין וויעלון.

אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען און דערמיט אַרויס-ווייזען זייער אינטערעס פאַר׳ן וויכטיגען מוסד.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ“
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 10 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פאַרבען. פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ׳ן אָרט.
ספּעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

בעקאַנטמאַכונג.

די קהלה-פערוואַלטונג אין טשענסטאָכאָוו איז דערמיט מודיע, אַז אין הסכם מיט׳ן אַרטיקעל 13 פון די פאַרשריפטען וועגען די יודישע קהלות (דז. אוסטאַוו נר. 52|28) וועלען דער

בודזשעט און די עטאַט-ליסטע אויפ׳ן י. 1938

אַרויסגעלעגט ווערען צום דורכזעהען פאַר די קהלה-מיטגלידער אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע, אַלעע 10

פון 29-טען יולי ביז׳ן 5-טען אויגוסט ד. י.

אין די אַמט-שעה׳ן.

במשך פון דערמאָנטען טערמין דינט די קהלה-מיטגלידער דאס רעכט אַריינצוטראָגען שריפטליכע רעקורסען.

פערוואַלטונג פון דער **יודישער קהלה**
אין טשענסטאָכאָוו.

טשענסטאָכאָוו, דעם 28 יולי 1938.

BUCHALTER

Absolwent Szkoły Handlowej z kilkuletnią praktyką biurową poszukuje posady całodziennej, lub godzinowej, wymaganiaskromne. Zgłoszenia skierować do administracji naszego pisma pod „Samodzielny“.

אונזער מיטגליד **אברהם פרענקעל** צוליב׳ן טויט פון זיין מוטער

חנה רחל נ״ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

די פערוואַלטונג פון טאַפעצירער, בערשטען און שטריקמאַכער-צעך

Niezrównana książka z przepisami Dra A. Oetkera pt. „Dobra gospodyni piecze sama“ jest do nabycia we wszystkich sklepach kolonialnych i księgarniach. Cena obniżona 30 groszy.

מיין ברודער **דוד בערקאָוויטש**
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **אסתר בערקאָוויטש** (באלקאוו)
ווינש איך פיעל גליק, די עלטערן—פיעל נחת
יעקב וואָלף בערקאָוויטש וויעלון

אונזער פריינד **ח. א. באַראַקס** און פרוי
צו דער **בר-מצוה** פון זייער זוהן **זיגמוש**
ווינשען מיר פיעל גליק
געברידער זשולטאַק וויעלון

טישלער-ווערקשטאַט אינ׳ם בעקאַנטען
א. ד. פ.
י. ברוסט, אַלעע 31
ווערט ווייטער אויסגעאַרבייט אַלערליי **ווייס מעבעל**
קוכען, קינדער-צימערן און געוועלב-איינריכטונגען, נייע מאָדעלען
רעיעלע בעהאַנדלונג. פונקטליכע אויספיהרונג.
מיר פערהאָפען, אַז די ג׳ קליענטעלע וועט זיין העכסט צופרידען פון די בעשטעלונגען, וואס זיי וועלען ביי אונז מאַכען.
מיט אכטונג **י. ברוסט, אַלעע 31**

יעקב ריזמן ומשפחתו

במות עליכם אחיכם

חנוך העניך ז״ל

היו נחומים.

Ickowicz i Gutterman.

אין טיעפען צער און וועהמאַג זענען מיר מודיע, אַז נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אונזער הייסגעליבטער פאָטער

שמואל גראַדאַן נ״ע

די לויה איז פאָרגעקומען מאָנטאָג דעם 25 יולי ד. י. (כ״ו תמוז תרצ״ח)

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאַנק די אַלע, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער פאָטער.

וועגען וואס ס׳זענען מודיע די טרויערענדע

זיהן, טעכטער, שנירס איידעמס, אייניקלעך און **אוראייניקלעך.**

אין דער אָבוועזענהייט פון 2 טעכטער אין אויסלאַנד.

אני מביע בזה את השתתפותי בצערו של ח׳

מ׳ **יצחק מאיר הולנדר**

על האבדה שאבדה לו במות אביו

משה דוד נ״ע

המקום ינחמהו בתוך אבלי ציון וירושלים.

משה יוסף וויינמן.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA“
פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11
פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה׳ אימיך)
מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פרייז **10 גר.**
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט), 4) כעמישריינינגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן.
די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

אונזער תשובה.

די לאַגע אין ארץ-ישראל ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר געשפּאַנט. די פערשידענע אָפּיציעלע קאָמוניקאַטען און פערזיכערונגען פונ׳ם נייעם הויך-קאָמיסאַר, אַז די דאָרטיגע מאַכט בעהערשט פולשטענדיג די לאַגע, זענען אין ליכט פון די טאָג-טעגליכע פאַקטען און פּאַסירונגען פּשוט לעכערליך און נאַאיוו. ווימען אייגענטליך וויל די א״י - אַדמיניסטראַציע מיט אַזעלכע קאָמוניקאַטען בערוהיגען? אונז, דאָס יודישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, די יודישע פאָלקס מאַסען, וועלכע לעבען און אָטעמען מיט ארץ-ישראל, וועלען זיי מיט זייערע דיפּלאָמאַטישע קונץ-שטיק נישט פערזיכערען און במילא נישט בערוהיגען. מיר זענען צו בלוטיג פּעראינטערעסירט, אַז מען זאָל דאָס יודישע פאָלק קענען אָבּפּטר׳ן מיט זייערע, ענגלישע, קאָמבינאַציעס און אויסרעכנונגען.

פאַר אונז איז וויכטיג און דאָמינירענד דער פאַקט, די טהאַטזאַך: צעהנדליגער פרישע, אונשולדיגע יודישע קרבנות ליפערט אונז יעדען טאָג א״י און מען זעהט גאָרנישט, אַז ס׳זאָל נעמען א סוף צו דער דאָרטיגער בלוטיגער וואַקכאַנאַליע.

מיר אונטערשטרייכען ספּעציעל דאָס וואָרט אונשולדיגע, ווייל אין אָנהויב האָבען נאָך געוויסע קרייזען געקענט מיינען און טראַכטען, אַז די צופעליגע אַראַבער, וועלכע ווערען דאָ און דאָרטען דערשאָסען, פאַלען פון די הענד פון די אַנטי - „הבלגה“ - אָנהענגער. אָבער נאָך די לעצטע געשעהענישען, נאָך דעם באָמבען - אויפרייס אויפ׳ן חיפ׳הער מאַרק, זענען שוין אַלע געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס שמעקט מיט פּראָוואָקאַציע, אַז דאָ אַרבייט די האַנד פון אויסערליכע פאַקטאָרען, וועלכע זענען פּעראינטערעסירט, אַז אינ׳ם קליינעם לענדעלע אויפ׳ן נאָהענטען מזרח זאָל נישט זיין קיין שלום און רוה, אַז דאָרט זאָלען פאָרקומען פּערמאַנענטע רייבונגען און אויפּרייסלונגען.

און ענגלאַנד? ליידער, צו אונזער בעדויערען, ווייס זי פון דעם אַלעם, זי קען אויסגעצייכענט די לאַגע און סיטואַציע און טהוט גאָרנישט, כ׳די דאָס זאָל איינמאָל א סוף נעמען. מיר זאָגען, אַז די מאַנדאַטאָר - מאַכט טהוט גאָרנישט, ווייל וואָלט זי באמת געוואָלט ענערגיש א נעם טהון זיך צו דער זאַך, אַזוי ווי זי מאַכט עס אַנדערשוואו, וואָלט שוין לאַנג אין ארץ ישראל רוהיג געווען און פון די טעראָריסטען וואָלט שוין לאַנג קיין זכר נישט געווען.

מיר וועלען זיך אָבער נישט פּערלאָזען אויף ענגלאַנד׳ס „חסד“ און „יוש־“ און וועלען ווייטער אונטער׳ן האַגעל פון קוילען שאַפען נייע קאָלאָניעס; נייע זידלונגס - פּונקטען, אפילו פאַר׳ן פּרייז פון פרישע קרבנות, פרישע קדושים.

מ. ק.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— נאָך די שווידערליכע טעראָריסטישע אַקטען פון די לעצטע טעג אין פערשידענע טיילען פון ארץ ישראל און הויפּטזעכליך אין חיפה, זענען די לעצטע טעג נישט פערצייכענט געוואָרען קיין שום ערנסטערע אינצידענטען. אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע געשעהענישען איז אין ענגלישען פּאַרלאַמענט אריינגעטראָגען געוואָרען אַן׳אינטערפּעלאַציע, אויף וועלכער דער קאָלאָניען-מיניסטער מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד האָט געענטפערט, אַז ס׳ווערען געמאַכט אַלע בעמיהונגען צו בעהערשען די סיטואַציע.

— אויפ׳ן ווייטען מזרח זענען די לעצטע טעג קיין סאַציעלע ענדערונגען נישט אריינגעטרעטען. נאָכ׳ן צוריקשיקען דורך דער סאָוויעטען - מאַכט די יאַפּאַנישע פּאַרלאַמענטאַריער, זענען נאָך וועגען דער פּראַגע פּאָרגעקומען נאָטען-אויסטוישען צווישען יאַפּאַן און רוסלאַנד. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז ווידער א סאָוויעטישע מיליטערישע אָבטיילונג אריין אויף א געוויסען פּונקט אין מאַנדזשוריען, אַזוי אַז די לאַגע איז ווייטער נישט קלאָר.

— אין טשעכאָסלאָוואַקיי איז די פּאָליטישע סיטואַציע ווייטער אָנגעשטרענגט. דער „פיהרער“ הענליין איז ווידער געפלויגען קיין דייטשלאַנד נאָך אינסטרוקציעס. גלייכצייטיג איז קיין פּראַג ארויסגעשיקט געוואָרען אַלס בעל יועץ דער בעוואוסטער ענגלישער פּאָליטיקער, פּיפלמאָליגער מיניסטער לאָרד ראַנצעמאַן. ער האָט א שם פון א קלוגען פּאָליטיקער און טאַקטפולען מענש. מען גלויבט דעריבער אין ענגלאַנד, אַז איהם וועט זיך דאָס איינגעבען אויסצוגלייכען געוויסע שטרייט-פּראַגען צווישען דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג און די הענליינ‏יסטען.

— פּערגאַנגענעם פרייטאג איז אויף דער ליניע וואַרשא—ארץ ישראל געשעהן א קאַטאַסטראָפע מיט׳ן עראָפּלאַן „לוקה׳ 14“, וואָס געהער צום „לאָט“. די קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען אויף דער רומענישער טעריטאָריע, צווישען טשערנאָוויץ און בוקאַרעשט צוליב אַטמאָספערישע אויסלאַדונגען, דערביי זענען אַלע 14 פּאַסאַזשירען דער׳הרג׳עט געוואָרען.

— די פּריזער פּאָליציי האָט אַרעסטירט און אייגעזעצט אין תפיסה יצחק לייפער אונטער דער בעשולדיגונג, אַז ער האָט געשמוגעלט נאַרקאָטישע מיטלען קיין אַמעריקא און ארץ-ישראל. לייפער האָט זיך פּאָרגעשטעלט אַלס אויבער-רב פון ניו-יאָרקער ברוקלין-קוואַרטאַל, אָבער די אגודת הרבנים האָט די דאָזיגע ערקלערונג קאַטעגאָריש אָבגעלייקענט. לייפער האָט די נאַרקאָטיקען געשמוגעלט אין סידורים, וואָס זענען געווען איינגעבינדען אין דאָפּעלטע טאָוולען.

— דער פּאָרשלאַג צו בעזעצען א געוויסע צאָהל יודישע פּליטים פון דייטשלאַנד און עסטרייך אין קעניא ווערט אויפמערקזאַם בעהאַנדעלט פון ענגלישען קאָלאָניאַל-אַמט. היות דער דאָזיגער פּאָרשלאַג געפינט זיך נאָך דערווייל אין אָנפאַנגס-סטאַדיום איז דעריבער פריהצייטיג צו רעדען וועגען א וועלכען ס׳איז קאָנקרעטען קאָלאָניזאַציע-פּלאַן.

— דער פּרעזידענט לעברון האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פון ענגלישען קעניג צו קומען צו איהם מיט א וויזיט קיין לאָנדאָן, וואוהין ער וועט פאָהרען אין אָנהויב פון קומענדיגען יאָהר.

— אין גרויסען זאַל פון „מיטאַליטע“ אין פּאַריז איז דורכ׳ן פראַנצ. אויסערן-מיניסטער באָנע ערעפענט געוואָרען דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס געגען ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך קרוב 600 דעלעגאַטען פון פיעל לענדער. דער קאָנגרעס איז אַן׳אימפּאַזאַנטע מאַניפעסטאַציע געגען ראַסען-האַס און האָט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס.

— פון זונטאַג, דעם 24 ד. ח. איז אָבגעשטעלט געוואָרען אויף א צייט פון צוויי וואָכען דער ארץ-ישראל׳דיגער אַרבייטער-אָרגאַן „דבר“, וועלכער האָט אין אַן׳אָבגעדרוקטען אַרטיקעל קאָמענטירט די געשעהענישען פון 6 ד. ח. אין חיפה.

— דאָס אַראַבישע וואָכענבלאַט אין דער ענגלישער שפּראַך „פּאַלעסטיין ענד טראַנסיאָרדען“ איז אָבגעשטעלט געוואָרען דורך דער רעגירונג אויף 6 חדשים.

— האַרי א. קאַלאַדנער איז דער ערשטער יוד, וואָס איז בעשטימט געוואָרען דורכ׳ן פּרעזידענט רוזוועלט אַלס פעדעראַלער ריכטער אין פילאַדעלפיער דיסטריקט.

— די פּאָליציי אין אַמסטערדאַם האָט פערבאָטען די דאָרטיגע בוכהאַנדלונגען צו פערקויפען דאָס אילוסטרירטע אַנטי-יודישע בוך „דער אייביגער יוד“.

— דער ניי-געוועהלטער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ראַבינער ד״ר סאָלאָמאָן גאָלדמאַן וועט אין די נאָהנטסטע טעג בעזוכען לאָנדאָן, וואַרשא און א״י.

— אין די פּאָליטישע קרייזען האָבען זיך פערשפּרייט הארטנעקיגע קלאַנגען, אַז איטאַליען איז ענטשלאָסען אין דער נאָהנטסטער צייט צו פּערעפענטליכען א רייהע אַנטי-יודישע געזעצען, וואָס זאָלען זיין א פּועל יוצא פון דער ראַסיסטישער אידעאָלאָגיע. די דאָזיגע קלאַנגען האָבען ארויסגערופען א געדריקטע שטימונג צווישען די איטאַליענישע יודען.

— אינ׳ם שטעדטיל לאַפּאַטע (מזרח-גאַליציען) איז בעת אַן׳אוקראַאינישען „אַדפּוסט“ געקומען צו אַנטי-יודישע ארויסטרעטונגען. אוקראַאינער האָבען איבערגעדרעהט יודישע סטראַגאַנעס און גערויבט סחורה. עס זענען פערהאַן אויך פערוואונדעטע.

— אויפ׳ן אָרט פון דר. שמאַראַק, וועלכער פאַהרט אוועק קיין א״י, וועט וואַרשיינליך געוועהלט ווערען אַלס פּרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין גאַליציען דעפּ. דר. זאָמערשטיין.

— אין זיין שלאָס אין פעלדבערג (טשעכען) איז אין עלטער פון 85 יאָהר געשטאָרבען דער געוועזענער הערשער פון ליכטענשטיין, פירשט פראַנץ דער ערשטער. דער פערשטאָרבענער האָט געהאַט א יודישע פרוי פון א באַראָנען-פאַמיליע אין וויען און נישט קענענדיג סובל-זיין די ראַסיסטישע טעאָריעס, וואָס מען האָט גענומען פּרעדיגען אין זיין לאַנד, האָט ער גוטווילליג רעזיגנירט פון טראָן און זיך בעזעצט אין זיין שלאָס אין טשעכיען.

— דער ווינער גאַו-לייטער בירקעל האָט געמאָלדען, אַז מען גרייט א פּראָצעס געגען שושניג׳ן פאַר מלוכה-פערראַט.

— א רייהע יודישע אָרגאַניזאַציעס אין האָלאַנד האָבען געשאַפען א ספּעציעלען הילפס-פאָנד פאַר די יודישע פּליטים פון עסטרייך. פונ׳ם דאָזיגען פאָנד וועט אויך פינאַנסירט ווערען די קינדער-עליה קיין ארץ ישראל.

— פּרעזידענט וו. זשאַבאָטינסקי, וועלכער ווייל׳ט זינט עטליכע טעג אין פּוילען, איז ארויסגעפאָהר׳ען קיין לוצק, וואו ער וועט בעזוכען די מוטער פון שלמה בן-יוסף.

— אויף דער לעצטער דינסטאָג׳דיגער זיצונג פון סענאַט איז אַקצעפּטירט געוואָרען דער געזעץ-פּראָיעקט פון א נייעם שטייער פון קאָשע און מעהל, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער דאָנערשטאָג׳דיגער אויסערגעוועהנליכער סעסיע פון סיים.

— איבער ניו-יאָרק איז אַריבער א געוואַלדיגער שטורם מיט א גאָס רעגען, פון וועלכען ס׳זענען בעשעדיגט געוואָרען פיעל הייזער און ס׳זענען אַרונטערגעריסען געוואָרען בריקען, אויסגעריסענע בוימער, איבערגעקעהרטע טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע סלופּעס. א באָמבאַרדיר-עראָפּלאַן, וואָס איז מיטגעריסען געוואָרען מיט׳ן שטורם איז אַראָבגעפאַלען ביי וואָרבידזש און די 2 מענשען פון דער מאַנשאַפט זענען דער׳הרג׳עט געוואָרען.

— אין דושיקאָוויץ איז ענטהילט געוואָרען דער דענקמאָל פון קאַפּראַל סעראַפין פון גרעניץ פּולק, וואָס איז אומגעקומען ביי דער ליטווישער גרעניץ דעם 11 מערץ ד. י. דער טויט פונ׳ם דאָזיגען יונגען זעלנער האָט דערפיהרט דערצו, אַז פּוילען און ליטע האָבען אָנגעקניפּט נאָרמאַלע בעציהונגען.

— אויפ׳ן גרויסען איבונגס-פּלאַץ „סאַנטאַ-אַננאַ“, וואָס געפינט זיך 20 קילאָמעטער פון דער קאָלומביער הויפּט-שטאָדט, איז פאָרגעקומען א גרויסע מיליטערישע רעוויע מיט׳ן אַנטייל פון אַלע מיניסטאָרען און מלוכה-פּרעזידענט. אין א געוויסען מאָמענט איז א גרויסער עראָפּלאַן אַראָבגעפאַלען אויף די טריבונעס און דער׳הרג׳עט איינגע צעהנדליגע פּערזאָן ווי אויך פיעל פערוואונדעט. צווישען די פערוואונדעטע געפינט זיך אויך דער מלוכה-פּרעזידענט.

— קיין פּאַריז איז אָנגעקומען דער אַמעריקאַנער שטאַטס-סעקרעטאַר מאָרגענטוי צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער. מינ. מאָרגענטוי האָט ערקלערט, אַז זיין וויזיט אין פראַנקרייך האָט נישט קיין שום פּאָליטישע ציעלען, נאָר טראָגט א ריין-פּריוואַטען כאַראַקטער.

— אויף דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס געגען ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם אין פּאַריז, האָבען געהאַלטען רעפעראַטען: דער פּאָרזיצער פון דער ליגע צו בעקעמפען דעם ראַסיזם בערנאַרד לעקאַש און דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער ליגע עמיל ביוראַ. אין די בעראַטונגען בעטייליגען זיך פאָרשטעהער פון דער קאַטוילישער, פּראָטעסטאַנטישער און יודישער רעליגיע אויסער דעם אויך פאָרשטעהער פון די מוזולמענער, כינעזער א. א.

חי געלעבט!...

א דאַטשע-פעליעטאָן.

עס איז שוין אַן׳אַלטער כלל: אויף די פערשידענע דאַטשעס, קור-ערטער און זומער-וואוינונגען זענען פערהאַן מעהר פרויען ווי מענער. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, איז נישט איצט מיין אויפגאַבע צו דערגעהן. זאָל זיין, אַז די פרוי, וועלכע האָט נישט די דאגות פרנסה און ווייסט נישט ווי אַזוי דעם גראָשען צו פערדינען, ווייסט אָבער דערפאַר ווי אַזוי דעם גראָשען אויסצוגעבען... אָבער ווי געזאָגט, וועלען מיר זיך איצט מיט דעם פּראָבלעם נישט פערנעמען, ער געהער נישט צו אונזער טעמאַ.

אַלזאָ, שטעלען מיר פעסט, אַז פרויען פערברענגען מעהר אין די פערשידענע קור-ערטער און היות ווי אויף די דאַטשעס פאַלט שוין אַוועק אויך דאָס לעצטע שטיקעל דאגה, מוז דער מח זיין פערנומען מיט אַנדערע „דאגות“ ווי: אָבבּרענגען זיך, דאַן די קליידונג זאָל זיין ווי געהעריג. בעסער געזאָגט: מען דאַרף זיין אַזוי אויסגעטהון, אַז ס׳זאָל זיין לויט דער לעצטער מאָדע. אינדערפריה—אין „שאָרטען“, אויף דער פּ״אָושע—אין די „קאָמפּיעלובקעס“, צום מיטאָג—אין לאַנגע הויזען, נאָכמיטאָג—אין א כלאַפּקע און נאָך אַזעלכע קליידער מיט משונה מאָדנע נעמען, וואָס איך בין נישט אימשטאַנד זיי איבערצוחזר׳ן. אָט די דאָזיגע „דאגות“ פערנעמען כמעט א גאַנצען טאָג די מחות פון די ווייבער און מיידלעך אויף דער דאַטשע.

די הויפּט-דאגה פון אַלע דאגות איז ווי אַזוי צו האָבען פּאַוואָדזעניע.

כ׳בין מורא, אַז איך בין צו שוואַך צו שרייבען, ד. ה. צו געבען א געטרוי בילד, וואָס פאַר א וויכטיגער פּראָבלעם דאָס דאָזיגע מין פּאַוואָדזעניע איז אויף דאַטשע. עס איז עפּעס אַזא מין הולאת, וואָס מוז אָנגערופען ווערען א כראָנישע פּאַוואָדזעניע-עפּידעמיע.

און ווידער וועלען מיר זיך נישט פערנעמען מיט פילאָזאָפישע חקירות פאַר וואָס די פּאַוואָדזעניע עפּידעמיע איז אַזוי שטאַרק דוקא אויף דאַטשע. מעגליך, אַז אין דעם האָט א גרויסען חלק די לופט, די שעהנע נאַטור, דאָס, וואָס מען האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם שטאָדטישען עול, די „עטיקעט“, די, די... כ׳ווייס נישט און וויל נישט וויסען, זאָלען דאָס פילאָזאָפען מיט זייערע גרויסע קעפּ אויספאָרשען. מיר שטעלען נאָר פעסט פאַקטען, אַז אויף דאַטשע זוכען די פרויען און זענען פערנומען נאָר צו האָבען פּאַוואָדזעניע. (די מענער דאַרפען נישט זוכען, ווייל מען זוכט זיי).

און פּאַוואָדזעניע ווילען האָבען אַלע, אַלע אָהן אויסנאַהם, יונגע מיידלעך און אַלטע ווייבער, רייכע און אָרימע, פרומע, יאָ אפילו פרומע ווייבער, וועלכע זענען אינדערהיים אָבגעהיטען פון צו רעדען מיט א פרעמדען מאַנספערשוין, ווערען אויף דאַטשע ווי איבערגעקעהרט. און עס זוכען פּאַוואָדזעניע נישט-פרומע ווייבלעך, עס זוכען פּאַוואָדזעניע קראַסאָוויצעס און להבדיל מיאוס׳קייטען, אַלץ און אַלעס האָט איין שטרעבונג איין זאָרג—צו האָבען פּאַוואָדזעניע.

אויף דער דאַטשע איז אַלץ „פּשיצנטע“, אַלץ איז כשר. זיצסטו אויף דער פּלאַזשע זעהסטו בילדלעך, וואָס אין דער שטאָדט וואָלסטו עס קיינמאָל נישט געזעהען.

א יונג בעשיידען מיידעל, וואָס אין דער שטאָדט געהט זי נישט מיט קיין דעקאָלט, און אַז טאָמער געהסטו פּונקט אָן, בעת זי איז נישט אינגאַנצען אָנגעטהון וועט זי שרייען „ניע מאָזשנאַ“ און וועט דיך בשום אופן נישט ארייןלאָזען, וואַרפט פון זיך אַראָב די קליידער אויף דער פּלאַזשע אין דיין געגענוואַרט און בלייבט אין באָד-קאָסטיום, און עס פאַלט איהר גאָרנישט איין, אַז זי זאָל זיך זשענירען. פערקעהרט, זי האָט א פערגעניגען, אַז זי בעוויזט זיך אין דעם קאָסטיום און דו שלינגסט זי מיט די אויגען...

א פרוי, וועלכע איז נישט געבענשט פון גאָט מיט קיין עלאַסטישע פיגור, שעהמט זיך נישט צו בעווייזען אפילו אין געגענוואַרט פון מענער כמעט אינגאַנצען אין חוה׳ס קליידער. אַז אויף דאַטשע און איבערהויפּט אויף דער פּלאַזשע איז אַלץ כשר. אויך עלטערע פרויען בעקומען אויף דער פּלאַזשע גענוג דרייסטקייט און האָבען א הנאה ווען זיי קאָנען פּראָווען דעם נעגליזש כהלכתה. אין שטאָדט וואָלט דאָך אַזאַ, ווי זאָל מען עס אָנרופען, ווילד שטיק פון אַן׳אַלטער יודענע ארויסגערופען א ווידערגעפיהל. דאָ אָבער, אויף דער דאַטשע איז אַלץ כשר.

נאָך אַן׳איינגעשאַפט האָבען די פרויען, וועלכע זוכען פּאַוואָדזעניע: זיי בעריהמען זיך מיט זייערע מענער׳ס (אויב זיי זענען פערהייראַט) און די מיידלעך—מיט זייערע עלטערן׳ס בעשעפטיגונג. אַזוי, למשל, דערצעהלט א פרוי פון א יודישען קרעמער אין א קליין שטעדטיל אין גאַליציע, אַז איהר מאַן איז א פאַבריקאַנט און בעשעפטיגט אין זיין אונטערנעהמונג עטליכע הונדערט אַרבייטער. א צווייטער׳ס מאַן איז אַן׳אַדוואָקאַט, אַן׳אינזשיניער אַזוו.

דאָס איז א סגולה צו דער פּאַוואָדזעניע. צוליעב דער דאָזיגער בעריהמעריי האָבען שוין געטראָפען א סך קוריאָזען, וואָס האָבען זיך געענדיגט דערמיט, אַז די פרוי, אָדער די פריילין האָט, נאָכדעם ווי זי איז דיסקרעדיטירט געוואָרען, געמוזט ענטלויפען אין מיטען דער נאַכט.

דאָס שטערט אָבער נישט, אַז מען זאָל האַלטען אין איין בלאָפען און בעריהמען זיך. און דאָס ווערט געטהון נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין, נאָר טאַקי כדי זיך צו פערלייכטערן די פּאַוואָדזעניע, וואָס איז דער עיקר העיקרים אויף דער דאַטשע.

עס דרעהט זיך אַרום א יונגע פרוי מיט א בלאָנד עלעגאַנט שייטעל און איהר דורשט נאָך פּאַוואָדזעניע איז אַזוי גרויס, אַז אויב זי האָט נישט קיין מעגליכקייט צו כאַפּען פּאַוואָדזעניע ביי עמיצען פון די קור - געסט, פּרובירט זי מזל ביי די גוראַלעס, כאָטש דאָס שייטעל שטערט איהר דערין אַביסעל.

די דאָזיגע יודענע נוצט אָבער אויס איהר שייטעל, כדי צו בעווייזען, אַז זי איז נישט דאָרט גלאַט עפּיס פון דער שוסטער - גאַס, נאָר אַז זי איז נישט מעהר און נישט ווייניגער, נאָר א רבינ׳ס אַנ׳אייניקעל, דערביי רופט זי אָן דעם נאָמען פון איהר זיידען, א גרויסען גאַליציאַנער רבי׳ן.

ס׳איז נישט קיין צווייפעל, אַז דאָס ווייבעל זאָגט אמת. זי איז טאַקי א רבינ׳ס אַנ׳אייניקעל, אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אָט דעם יחוס נוצט זי אויס נאָר מיט׳ן ציעל צו האָבען וואָס מעהר פּאַוואָדזעניע.

עס איז הפקר א וועלט.

אויף דאַטשעס ווערען א סך שטאָדטישע צוימען געבראָכען, שטאָדטישע מנהגים פערלעצט. די פרוי, וועלכע איז אין שטאָדט קאָרעקט, איינגעהאַלטען, ווערט אויף דאַטשע פריי, צוגעלאָזען און אַביסעל צולאָזען.

זאָל מען אָבער נישט צופיעל פערורטיילען די פרוי, ווייל עס איז נישט בעוואוסט, ווער עס איז שולדיג דערין. מעגליך דאָס, וואָס מען האָט די פרוי איינגעפּאַסט פון דור-דורות אין אַנ׳ענג רעמיל פון צניעות, האָט געשאַפען ביי איהר, אַז דאַמאָלס, ווען די צוים ווערט לויזער, פערשטאַרקט זיך דער דראַנג נאָך פרייהייט, זעלבסטשטענדיגקייט. מעגליך. אָבער נאָכמאָל ווילען מיר בעטאָנען, אַז נישט אונזער אויפגאַבע איז זיך צו חקרענען וועגען די דאָזיגע פּראָבלעמען. מיר פערצייכענען נאָר דאָס, וואָס אונזערע אויגען זעהען, אַז אויף דאַטשע איז

חי געלעבט...

סמאָל

עס וועט קומען א ישועה

פון אב. גאָלדבערג

אני מאמין... איך גלויב, אז אין גיכען וועט אויך אויף יודען קומען א ישועה.

דערווייל איז אונז יודען מו־א'דיג שלעכט, אונזערע צרות פערגרעסערען זיך פון טאג צו טאג.

עס איז א פחד איצט צו עפענען א צייטונג, מען פלעגט פערגלייכען אונזער צייט מיט דעם מיטעלאַלטער וואס איז שייך אונז יודען. אַבער אין הארצען האט מען געמאכט רעזערוואַציעס. היינט איז פאַרט נישט ווי דעמאַלט אין יענע פינסטערע טעג. דעמאַלט האַט מען דאַך יודען געצוואונגען צו טראגען א געלע לאַטע. דער יוד דאַרף אויף זיין קלייד ווייזען, אז ער געהער צו דער נידעריגער יודישער ראַסע, כדי די בעפעלקערונג זאַל איהם אויסמיידען, זאַל זיך חלילה, נישט צוריהרען צו איהם. אַבער היינט? עס איז פאַרט אַנדערש. איצט איז אויך אין דעם פרט היינט נישט אַנדערש ווי דער נעכטען.

עס איז בכן, נאַך ערגער ווי אין מיטעלאַלטער. ערגער, ערגער.

דערווייל זעהט אויס, אז קיינער קאַן אונז נישט העלפען, אז קיינער וויל אונז נישט העלפען. נאַצי־לאַנד געהט אַן מיט איהרע שענדליכע גזירות און קיינער זאגט נישט א וואָרט. עס אַרט קיינעם נישט.

עס זענען אַבער דאַ סימנים, אז די וועלט כאַפּט זיך ענדליך, וואס דער נאַציזם באמת בעדייט. עס האט געדאַרפט נעמען פינף יאהר איידער די פערבלענדעטע וועלט האט זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען און דערזעהן דאס פינסטערע, שוידערליכע געשעהעניש פון די נאַציס, צו דערזעהן, אז די רעגירונג און דער רעזשים קאַן נישט אַנדערש מיינען, ווי דאס אומגליק פון דער גאַנצער מענשהייט, נישט נאַר פון יודען אליין.

דאס איז אין אָנהויב געווען דער טעות פון די פעלקער. עס האט זיך געדאַכט, אז דער נאַציזם האט נאַר פערגיפטעטע פיילען פאַר יודען, אז זיין הויפט־פערברעכען איז זיין בלוטיגער ווילען אונזער פאַלק אומצוברענגען.

האבען זיי געטראכט, דער נאַציזם איז פעררוקט, זיינע טעאָריעס וועגען יודען זענען א משוגעת, א ווילדע קראַנקהייט. עס איז אוודאי שלעכט פאַר יודען. עס איז אויף זיי א ביטערער רחמנות, אַבער וואס קאַן מען טהון? עס איז א וועלט, וואס יעדער איז פאַר זיך, אָדער אַנדערש אויסגעדריקט: נאַך מיר מעג קומען אויך דער מבול. צוליב די יודען ווילען מיר מיט די נאַציס נישט איינרייסען.

אויב עס האנדעלט זיך צו זאגען א גוט וואָרט פאַר יודען, איז מהיכא תיתא, ווילען מיר דאס זאגען. זיי האבען דאס אויך געזאגט. איינציגע מענשען געהן ווייטער און אויך אויסדריקען זייער צער און צומאָל אויך זייער צאָרן געגען דעם אָנפאַל פון משוגעת, געגען דער נכפה פון נאַציזם אין נאמען פון א בעליידיגטער מענשהייט, דאס האבען די דעמאָקראַטישע פעלקער אויך געטהון, אָבער ווייטער נישט.

ווייל עס איז א פראַגע פון אינטערעסען און עס איז זיי דערווייל נישט בולט קלאָר, אז זייערע אייגענע אינטערעסען וועלען ליידען דערפון, וואס מען בעפאַלט יודען, וואס מען רייסט זיי און בייסט זיי, מען בעהאַנדעלט זיי ערגער ווי אין סדום.

דאס איז געווען דער ביטערער טעות און אויך דאס אומגליק פון דער וועלט. די פעלקער האבען אין אָנהויב נישט תופס געווען אויף וואס נאַציזם איז פעהיג. שטילערהייד, אין זייער אונטערבעוואוסטזיין האבען זיי אַליין אויך געמאַכט אַנ'אונטערשיעד צווישען זיך און יודען. דאס הייסט, זיי האבען ווי צוגעגעבען, אַז עס איז מעגליך, אַז אַ רעגירונג אָדער פיהרער זאָל בנוגע יודען האַנדלען ווי אַ חיה און דאַך אין אַלע אַנדערע זאַכען זיין מענשליך, אפילו האַנדלען מעשה דזשענטעלמאַן.

זיי האבען דאס בפירוש נישט געזאנט און אפשר אפילו אַליין אין דער שטיל דאס נישט מודה געווען, אָבער אַזוי איז עס פאַרט געווען. עס איז נאַך אויך איצט אַזוי פאַר אַ סך. ריבענטראָפּ, היטלער'ס פערטרעטער ווערט אויפגענומען אין די אַריסטאָקראַטישע הייזער פון ענגלאַנד און די מענשען זעהען נישט אין דעם קיין ווידערשפרוך. זיי לייענען, וואס מען טהוט צו יודען און זיי ווייסען, אז דער אַמבאַסאַדאָר איז מסכים מיט היטלער'ס אכזריות געגען אונז און דאַך זיצען זיי מיט איהם ביי איין טיש, קוויקען זיך מיט זיינע חכמות און האַלטען איהם פאַר א דזשענטעלמאַן. עס פאַלט זיי נישט איין זיך פרעגען ווי קאַן א קאַניבאַל זיין אַנ'עדעלמאַן? ווייל ער איז דאַך נאַר א קאַניבאַל געגען יודען, אָבער געגען ענגלענדער איז ער א שעהנער מענש. דאס הייסט שטיל צוגעגעבען, אַז אויך זיי בעטראַכטען נישט יודען פאַר גלייכע מענשען אָדער בכלל פאַר מענשען.

עס האַט געמעגט אַוועקגעהן פינף יאהר, אין וועלכע יודען האבען דורכגעלעבט יסורים פון גיהנום, איידער די וועלט האט גענומען בעגרייפען, אַז מען קאַן נישט לאַזען מאַכען זיך אַ מאַהלצייט פון געשאָכטענע יודען און צו דער זעלבער צייט זיין אַ פיינער מאַן. דער, וואס עסט מענשען פליייש איז אַ מערדער, אַ קאַניבאַל און מיט אַזאַ מערדערליכע בעשעפעניש קאַן מען קיין געשעפטען נישט פיהרען, קאַן מען ביי איין טיש נישט זיצען און מען קאַן אויף זיין וואָרט זיך נישט פערלאַזען. עס איז גאַר נישט ווערט.

די מענשען זענען ליגנער, זענען פעהיג אויף גנבה, גזילה, רציחה, זענען פעהיג אויף קידנעפינג, זיי זענען ברידער פון האָופטמאַן, בלוט פון זיין בלוט און פליייש פון זיין פליייש. דעם קידנעפער פון לינדבערג'ס קינד. ביי די נאַצי'ס איז קיין הייליגס נישטאָ. זיי רעדען פיעל פון עהרע, אָבער זיי האבען נישט קיין עהרען וואָרט. זיי זענען דער אָבפאַל פון דער מענשהייט.

עסטרייך האט ענגלאַנד געעפענט די אויגען. היטלער האט בפירוש פערשפּ־אָכען ברחל בתך הקטנה, אַז ער וועט קיין מיליטער קיין עסטרייך נישט שיקען, אַז ער וועט עסטרייך מיט געוואַלד נישט אַנעקסירען און פון זיין פערשפּרעכען האט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט, ער האט איהם ציניש, ברוטאַל געבראָכען. ענגלאַנד זאָגט וועגען דעם גאָרנישט, אָבער זי ווייסט איצט, אַז די נאַציס זענען נישט נאַר יודען־פיינט, יודען־קוילער, נאַר אַז זיי זענען גרייט די וועלט צו דערטרינקען אין בלוט, כדי צו דערגרייכען זייער ציעל און זייער ציעל איז אַוועקצושטעלען זייער אַנגעטשוועקעוועטען שטיוועל אויף דער אָרימער מענשהייט'ס האַלז.

קיין אָבמאַך מיט נאַציס איז נישט ווערט דאס פּאַפּיר, אויף וועלכען ער ווערט געשריבען. דער אָבמאַך ווערט גענומען נישט מיט דעם ציעל איהם צו האַלטען, נאַר כדי צו געווינען צייט, כדי זיך צו בעוואָפענען אָדער דורך נאַרערייי שאַפען אַ געלעגענהייט פאַר דער דורכפיהרונג פון אַנ'אָפענעם רויב.

דערפאַר דאַרפען יודען נישט פערצווייפלען. די נאַציס פלעכטען מיט זייערע אייגענע הענט די שטריק, אויף וועלכע מען וועט זיי הענגען. זיי מאַכען אַליין פאַר זיך די תליה.

אין אַמעריקאַ האט מען זיך געכאַפּט ערשט נאַך פינף יאהר, אויף וואס די נאַציס זענען פעהיג. די שפּיאָנאַזש־געשיכטע האט אַמעריקאַ'ס רעגירונג געעפענט די אויגען. עס האט נאָך נישט געטראָפען, אַז אַ פיינטליכע רעגירונג זאָל אַזוי אָפען און אָפיציעל פיהרען איהר שפּיאָנאַזש אַרבייט, ווי דאס האבען געטהון די נאַציס.

מען האט געכאַפּט די נאַציס ביי דער האַנד אין בראַזיל, זיי האבען צוגעגרייט אַ פּוטש, זיי האבען געוואָלט פערכאַפּען די גרויסע מדינה פאַר דייטשלאַנד. די נאַציס ריקען זייער שנור אויך אין דער נייער וועלט. אָבער בראַזיל האט זיך געכאַפּט בעצייטענס און האט די נאַציס משלח געווען פון איהר גרעניץ. פון דעם חלום צו ווערען בעלי־בתים האט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, אין וועלכען די נאַציס וועלען דאָרט דערטרינקען ווערען.

היטלער רעדט מיט נאַרישער חוצפה צו אַמעריקאַ און פערגרעסערט אַמעריקאַ'ס צאָרן געגען זיין רעזשים און אויך געגען זיין פאָלק. דערווייל האַלט עס נאָך ביי רעדען.

דערווייל איז פאָרגעקומען די פליטים־קאָנפערענץ אין עוויאַן.

די בעדייטונג פון דער קאָנפערענץ איז אָבער מעהר ווי אפילו די הילף, וואס אונזערע פליטים וועלען בעקומען, איהר בעדייטונג איז אין איהר צונויפקום. אַכט און צוואַנציג פעלקער און צווישען זיי אַמעריקאַ, וואס האט צעהן מאָל אַזוי פיעל יודען וויפיעל דייטשלאַנד זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַ קאָנפערענץ עפענטליך צו זאָגען: דייטשלאַנד, מיר זענען מיט דיר קיין גוטע ברודער נישט און מיר בעטראַכטען דיינע האַנדלונגען געגען יודען אַלס פערברעכעריש.

די אַכט און צוואַנציג פעלקער וועלען מיט דער צייט פאָדערען דין וחשבון פון דעם נאַצי־לאַנד פאַר איהרע פערברעכענס און בלוטיגע מעשים, דאס איז דערווייל דער ערשטער צונויפקום, אָבער מיט דער צייט וועלען זיין אַנדערע. די פערבינדונג צווישען די פעלקער, וואס אָנערקענען נאַצי־לאַנד פאַר אַ פערברעכער־לאַנד וועט אָנהאַלטען און הגם מען וועט אָפען וועגען איהר פערברעכער־כאַראַקטער נישט רעדען, איז עס אָבער קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט.

דערפאַר בושעוועט איצט אַזוי געבעלס אין נאַצי־לאַנד. ער וויל פערטויבען זיין פאָלק, אַז עס זאָל נישט הערען די שטימע פון וואָרנונג. אָבער עס וועט נישט העלפען. אויך די דייטשען וועלען זיך בעזינען און דער נאַצי־רעזשים איז פער'משפט.

סוף גזלן לתליה.

ד"ר י. כהן (קאָסטאָפּאָל).

די דיעטעטיק ביים רמב"ם.

די דיעטעטיק שפּילט אַ גרויסע ראָל ביי דער היילונג פון זעהר אַ סך מאָגען און דאַרם־קראַנקהייטען און ספּעציעל ביי די שטאָף־וועקסעל קראַנקהייטען, ווי למשל, צוקער־קראַנקהייט און אַנדערע. אָבער נאָך אַ גרעסערע ראָל שפּיעלט די דיעטעטיק אין דער פערהיטונג פון די אויבענדערמאַנטע קראַנקהייטען און דעריבער איז די דיעטעטישע היגיענע פון ערשט ראַנגיגער בעדייטונג.

די פּראָבלעמען פון דיעטעטיק זענען שוין בעאַרבייט געוואָרען אין תנ"ך און תלמוד און ס'איז אַ גרויס געווינס פאַר אונז דאס, וואס דער רמב"ם האט די דיעטעטיק־כללים צונויפגעזאַמעלט און זיי איבערגעגעבען אין זיין „משנה תורה" (הלכות דעות, פּ"ק ד'). ספּעציעל אינטערעסאַנט איז פאַר אונז דאס, וואס דעם רמב"מ'ס אַנשויאונגען וועגען דיעטעטיק זענען אין זעהר פיעל פּרטים ענליך צו די היינטצייטיגע השגות וועגען דער דאָזיגער פראַגע, הגם עס טיילט אונז אָב פון איהם אַ לעבענס שמח פון העכער זיבען הונדערט יאָהר (לערך 1176).

נאַטירליך, אַלס טיעף־רעליגיעזער מאַן, פּראָפּאַנירט דער גרויסער געלערנטער די ליעבע צו היגיענע, און געזונט נישט אַלס ציעל פאַר זיך, נאַר כדי „דער מענש זאָל קענען גאָט לערנען, ווייל ס'איז דאַך אונמעגליך ער זאָל פערשטעהן און קענען לערנען די חכמות, ווען ער איז הונגעריג און קראַנק און איינער פון זיינע אברים טהוט איהם וועה... און דעריבער זאָל זיך דער מענש דערווייטערן פון זאַכען, וועלכע שאַדען דעם גוף און זיך איינפיהרען אין זאַכען, וועלכע שטאַרקען און מאַכען געזונט...

אַ גרויסע ראָלע שפּילט ביים רמב"ם די צייט פון עסען און טרינקען. קודם כל זאָל דער מענש עסען נאַר דאַן ווען ער איז הונגעריג און טרינקען נאַר דאַן, ווען ער איז דורשטיג", פאַר דעם עסען דאַרף דער מענש שפּאַצירען, אַרבייטען און זיך בעוועגען, ביז וואַנען זיין גוף זאָל זיך צוואַרימען. דער ציעל דערפון איז דער, עס זאָל פערלוירען ווערען אַ גרויסע קוואַנטיטעט ענערגיע, כדי דער מענש זאָל קריגען אַפּעטיט און מיט דעם עסען דעקען די פערלוירענע קאַלאָריען.

אַ געהעריגער צייט דיסטאַנס דאַרף אָבטיילען דאס עסען פון דעם שלאָפען. דער רמב"ם בעצייכענט די צייט — פון דריי ביז פיער שעה און דאס ענטשפּרעכט אויך כמעט די מאָדערנע היגיענע געזעצען; דאַגעגען שטעלט זיך גאַנץ אַנדערש פאַר די זאַך בנוגע דער בעוועגונג נאָך דעם עסען: בעת די היינטצייטיגע היגיענע רעקאָמענדירט צום ווייניגסטען אַ האַלב־שעה'דיגען שפּאַציר, בכדי צו פערלייכטערן דעם פערדייאונגס פּראָצעס דורך דער קרעפטיגונג פון די בויך מוסקולען, הייסט דער רמב"ם זיצען אויף אַנ'אָרט און זיך נישט ריהרען ביז וואַנען דער פערדייאונגס־פּראָצעס וועט נישט זיין געענדיגט און ער וואָרענט די, וועלכע שפּאַצירען אָדער בעוועגען זיך נאָך דעם עסען, אַז זיי ברענגען אויף זיך „שלעכטע און שווערע קראַנקהייטען".

ביים רמב"ם ווערט אויך רעגולירט די צייט פון באָדען זיך, בלוט־לאָזען און געשלעכטליכען אַקט, ענטשפּרעכענד צו דער צייט פון עסען: „עס דאַרף זיך דער מענש נישט באָדען נאָהנט צום עסען צייט, אָדער ווען ער איז הונגעריג, נאַר באַלד ביים אָנהויב פון דער פערדייאונג". „די געשלעכטליכע בעציהונג זאָל מען האבען ביים סוף פון דער פערדייאונג", „אין דעם טאָג פון בלוט־לאָזען דאַרף דער מענש עסען ווייניגער ווי געוועהנליך".

(אין מיטעלאַלטער און אויך שפּעטער איז שטאַרק פערשפּרייט געווען דאס בלוט לאָזען, די אַזוי גערופענע „הקזה" און ס'איז געווען אַ ספּעציעלער „מקיז דם", וועלכער האט זיך דערמיט בעשעפטיגט. די הקזה פלעגט מען מאַכען אויך ביי געזונדע מענשען און זי האט אַמאָל געבראַכט שאַדען; אין דער מאָדערנער מעדיצין ווערט זי בענוצט נאַר אין געוויסע צירקולאַציע־קראַנקהייטען צ. ב. הויכער בלוט־דרוק און אַלס הויפּט־מיטעל אין דעקאָמפּענסאַציע־צושטאַנדען פון פיעל האַרץ־קראַנקהייטען).

וויכטיג איז לויט דעם רמב"ם דער אופן פון עסען: ערשטענס, דאַרף מען בשעת דעם עסען זיצען אויף איין אָרט און רוהיג. מען דאַרף קיינמאָל נישט עסען צו דער זאַט, נאַר עס איז גענוג, ווען מען שטילט איין דריי פערטעל פון דעם הונגער. „וואַסער זאָל מען טרינקען בשעת דעם עסען זעהר ווייניג און געמישט מיט וויין און ווען ס'וועט זיך אָנהויבען דער פערדייאונגס פּראָצעס זאָל מען טרינקען וויפיל מען דאַרף, נאַר נישט קיין סך..." כאַראַקטעריסטיש איז די אָנווייזונג, אַז פריהער זאָל מען עסען די גרינגע זאַכען און דערנאָך די שווערע (מן הקל אל הכבד), אַזוי, למשל, „ווען אַ מענש וויל עסען עופות פליייש און אָקסען פליייש צוגלייך זאָל ער פריהער עסען עופות פליייש, אַזוי אייער מיט עופות פליייש, איז פריהער—אייער; קאַלב־פליייש און רינד־פליייש, דאַרף מען עסען פריהער—קאַלב פליייש..."

דער רמב"ם אונטערשיידעט צווישען ווינטער און זומער־דיעטע. אַזוי דאַרף מען זומער־צייט עסען קאַלט מאכלים, ווינטער־צייט דאַגעגען—וואַרימע; בכלל זאָל מען זומער־צייט עסען נאַר צוויי דריטעל דערפון, וואס מען עסט ווינטער־צייט. אַנאַלאָגיש זאָל מען זיך פיהרען בנוגע די ערטער מיט אַ וואַרימען אָדער קאַלטען קלימאַט. די דאָזיגע אַנשויאונגען זענען ווירקליך אינטערעסאַנט און קענען צוגעפּאַסט ווערען צו די מאָדערנסטע ביאָכעמישע וועקסעל שטאָף שטודיען. אַזוי, ווייסען

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

קוים מיט צרות האב איך זיך אַרויסגעריסען פון דער שטאָדט אויף עטליכע וואָכען. איך זאָג קוים מיט צרות, ווייל אַ נאַש־בראַט, אַז ער וויל שוין יאָ אַרויספּאָה־ען אויף אַבּרוהע, קומט עס איהם אָן מיט—ווי מען זאָגט—מיט גרינע ווערים, און דאס דערפאַר, ווייל זיצט מען—זיצט מען, טאָמער ריהרט מען זיך אַהער אַרויס, זעהט מען ערשט, אַז עס פעהלען די אַלע נויטיגע זיבען זאַכען, וואס אַ לעטניק דאַרף האבען. און וואו איז דאס, פאַר וועלכען די פענסיאָנאַטניקעס גיבען צו עסען? הכלל, אַז אַנ'אונזעריגער וויל שוין יאָ אַ פּאָר וואָכען הנאה האבען פון גאָט'ס שעהנער וועלט, מוז ער זיך אונטערגאַרטלען. און דאס קומט טאַקי אַן מיט צרות.

פונדעסטוועגען בין איך פאַרט ביי־געקומען אַלע מניעות און בין געפאָהרען און דאס נישט דאַ נאָהנט, קיין אַלשטין, בלאַכאָוויגע, קאַמינסק אָדער כושאַנסטאָוו, נאַר דוקא ווייט, העט אין גאַליציע, ביי דער טשעכישער גרעניץ. ושמו אין דאס אָרט רופט מען קראָשטשענקאַ, ביי שטשאַוואָניץ, דורך וועלכען עס געהט אַדורך דער דונאַיעץ, אין די פּיענינען, נעבען טשאָרשטין, אַרומגערינגעלט מיט בערג און וועלדער, מיט איין וואָרט: עס איז וואונדערבאַר. איידער אָבער איך וויל אייך, שטאָדט־מענשען, דערצעהלען וועגען דעם, וואס איך זעה, הער און פיהל דאָ, האָב איך גאָך זיך מיט אייך אַרורכצושמועסען וועגען היימישע ענינים. קורץ גערעדט, איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכען אויף עטליכע קלייניגקייטען, וואס איך האָב מורא, אַז בעת מיין אָבוועזענהייט זאָלט איהר זיי נישט פערנאַכלעסיגען.

קודם כל ווענד איך זיך צו די

שוהל־גבאים.

מורי ורבותי, איך בעט אייך, דערלויבט נישט אין דער צייט פון די וואַקאַציעס איינצואָרדנען „קאָנצערטען" פון די פערשידענע וואַנדערענדע חונים'לעך, וועלכע קומען זיך צונויפצולויפען פון ארבע פינות העולם; מאַכט נישט פון דער שוהל, וועלכע איז לעצטענס געוואָרען אַ דאַנק דעם הערליכען חזן און פּרעכטיגען כאָר, די אמת'ע רעפּרעזענטאַנץ שוהל, פאַר קיין הפקר פּלאַץ פון פערשידענע גאַסען יונגען. כ'לעבען, ס'איז נישט כדאי.

זייט מיר מוחל פאַר מיין בעמערקונג, גלויבט מיר, אַז איך מיין נישט חס ושלום אייך וועה צו טהון. איבעריגענס בין איך איבערצייגט, אַז אויך איהר האַלט טייער דעם כבוד פון דער שוהל, נאַר אויב איך זאָג דאס פאַרט אויף אייער אַדרעס, איז עס דערפאַר, ווייל איך האָב לעצטענס בייגעוואוינט אַזאַ מין „קאָנצערט", פלאַמט מיר נאָך איצט דאס פּנים פאַר חרפה צוליעב דעם הפקרות, וואס איז נעביך איינגעוואָרצעלט ביי אַ גרויסען טייל פון אונזערע יודען.

אין דער צייטונג, ווי אויך דורך אַפישען איז געוואָרען בעקאַנט געמאַכט, אַז מאָנטאַג דעם און דעם דאַטום, וועט אין דער שטאָדט שוהל דאַווענען מעריב און געבען קאָנצערט דער וועלט־בעריהמטער, בעוואוסטער 13־יעהריגער חזן פון פּיפּידובקע.

אַ שעה פאַר'ן טערמין שטעהען שוין פאַר דער שוהל עטליכע הונדערט יונגלעך און קינדער, וועלכע לעכצען צו הערען אַנ'אומזיסטען קאָנצערט. זיי פּערשטעלען אַזוי דעם איינגאַנג, אַז טאָמער וויל שוין יאָ עמיצער אַריינגעהן אויף אַ בילעט אָדער פאַר אַ פּאָר גראָשען, קאַן ער עס נישט און טאָמער פּרובּירט ער זיך פאַרט אַריינצוקריגען, מוז ער איינשטעלען, אויב נישט דאס לעבען, טאָ לכל הפחות די איבער־בגדים מוזען בעשטימט אַסעקורירט ווערען. דאַן איז דאָ אַ צעהנדלינג אָרדנערס, וועלכע זענען ממונה צו האַלטען די אָרדנונג, מאַכען זיי אָבער אַן אַזאַ גערודער, אַז די געוואַלטען הערט מען ביז העט אין אַל-

מיר, אז זומער אקומולירט אין זיך דער מענש פיעל זון-ענערגיע און ווארימקייט, אזוי, אז ס'זענען איהם נויטיג ווייניג קאלאריען זיך אריינצוברענגען מיט דעם עסען; ווינטער, דאנגעגען, האבען מיר א גרויסע ווארימקייט-דיספעריע פון קערפער מיט א גרויסען ענערגיע-דעפיציט, וועלכען עס דארפען דעקען די קאלאריען, וואס ווערען אריינגעבראכט פון דרויסען מיט דעם עסען.

די שעדליכע שפייזען ווערען לויט דעם רמב"ם צעטיילט אין דריי קאטעגאריעס. 1) געפעהרליכע; 2) שטארק שעדליכע און 3 ווייניגער שעדליכע. צו די געפעהרליכע געהערען: די „גרויסע, אלטע, געזאלצענע פיש", דער „אלטער, געזאלצענער" קעז, דאס „אלטע, געזאלצענע פלייש" און בכלל אלע נישט פרישע שפייזען. צו די שטארק שעדליכע געהערען: גרויסע פיש, קעז, מילך פון „24 שעה נאכ'ן מעלקען", דאס פלייש פון גרויסע אקסען און באקען, פאסאלעס, באב, געדשטען-ברויט, קרויט, ציבעלעס, קנאבל און כריין. צו די ווייניגער שעדליכע: וואסער-פויגעל-און קליינע טויבען-פלייש, טייטלען, ברויט געבאקען אויף אייל און אנד. די געפעהרליכע שפייזען „זענען ווי סם-המות" און מ'טאר זיי אבסאלוט נישט עסען; די שטארק שעדליכע קען מען עסען פון צייט צו צייט און נאר ווינטער-צייט, קיינמאל נישט זומער-צייט; אזוי אויך די ווייניגער שעדליכע.

פירות רעקאמענדירט דער רמב"ם בכלל ווייניג צו עסען און נאר טרוקענע און צייטיגע; די נישט-צייטיגע טאר מען בכלל נישט עסען, ווייל „זיי זענען אזוי ווי שווערדען פאר דעם גוף". אנ'אויסנאם בילדען מאנדלען, פייגען און ווייטרויבען, וועלכע זענען שטענדיג גוט און בעסער פאר אלע פרוכטען. האניג און וויין איז שלעכט פאר קינדער, אבער גוט פאר אלטע".

נאטירליך קען די היינטיגע דיעטעטיק-לעהרע, נישט אקצעפטירען פיעל פונ'ם רמב"ם'ס פארשריפטען, ספעציעל בנוגע דער בעגרעניצונג פון גרינסען און פירות, וועלכע זענען רייך אין וויטאמינען, אבער מיר קענען פולשטענדיג אקצעפטירען די פארשריפטען וועגען דער געפעהרליכקייט פון די געזאלצענע און נישט-פרישע שפייזען. א גרויסע בעדייטונג שרייבט צו דער רמב"ם דעם צושטאנד פון דארם בנוגע שלשול און עצירות. לויט זיין מיינונג דארף דער דארם שטענדיג זיין אין א צושטאנד נאהענט צו לייכטען שלשול. דעמאלט „פיהלט זיך דער מענש גוט, אפילו ווען ער עסט שלעכטע מאכלים"; דאגעגען אין א צושטאנד פון עצירות איז צעשטערט דער געזונד-צושטאנד פון מענשען, אפילו, ווען מען עסט געזונדע מאכלים" און פיהרט זיך גענוי לויט די אנדערע כללים פון דער היגיענע. די שפייזען, וועלכע פיהרען צו א שלשול, זענען לויט דעם רמב"ם די פאלגענדע: ווייטרויבען, פייגען, באנעס, ארבוזען, אוגערקעס. דער מענש דארף זיי עסען א בעשטימטע צייט פאר'ן מאלצייט. די שפייזען דאגעגען, וועלכע פיהרען צו עצירות, צ. ב. מילגרוימען, עפעל, דארף מען עסען באלד נאכ'ן מאלצייט און נישט פיעל.

אלס לייכט אבפיהר מיטעל, רעקאמענדירט דער רמב"ם, פאר יונגע — „קרויט-וואסער און איילבירט-בוימאייל", צו טרינקען יעדען פריהמארגען. און פאר אלטע — האניג אין הייס וואסער", צו טרינקען אינדערפריה און עסען ערשט אין דריי, מיער שעה נאכדעם.

דעם רמב"ם מיינונגען וועגען שלשול און עצירות קענען מיר כמעט פולשטענדיג אקצעפטירען; ווירקליך האבען די מאדערנע קלינישע פארשונגען בעוויזען, אויף וויפיל דער צושטאנד פון עצירות שפילט א גרויסע עטנאלאגישע ראלע אין זעהר פיעל קראנקהייטען.

דער רמב"ם פערענדיגט זיין אבהאנדלונג מיט דער פעסטשטעלונג, אז „דער, וואס פיהרט זיך לויט די דאזיגע כללים פערזיכער איך איהם, אז ער קומט נישט צו קיין קראנקהייט זיין גאנץ לעבען, סיידען ער וועט שטארק אלט ווערען און שטארבען און ער נויטיגט זיך נישט אין קיין דאקטאר"...

הגם מיר קענען דאס נישט פערזיכערען אזוי קאטעגאריש ווי דער רמב"ם, דאך אנערקענען מיר הונדערט פראצענטיג זיין גרויסען פערדינסט ביי דער פערשפרייטונג פון דער דיעטעטישער און אלגעמיינער היגיענע אין יענע צייטען פון פינסטערען מיטעלאלטער, און אלס יודען זענען מיר דאפעלט שטאלץ דערויף.

יעקב ראזינער

קאַלאַניעס פאַר קינדער

צו אלעם ערשטען איז נויטיג אפען און קלאר פעסטצושטעלען, וואס אייגענטליך זענען דאס אזוינס די קינדער-קאלאניעס, צו וועלכען מין אנשטאלטען געהערען זיי, צי זענען זיי הייל-מעדיצינישע, סאציאל-היגיענישע אנשטאלטען אדער גאר ריין ערציהערישע, פעדאגאגישע? צי זענען זיי א פארטזעצונג פון דער שול מעדיצינישער און שול-היגיענישער ארבייט אין דער שולע אדער א ווייטערדיגע קייט, אנ'אנדערע פארם פון דער פעדאגאגישער און ערציהערישער ווירקונג און אויפזיכט אין דער שולע?

די פראגע אין דער פארם, ווי זי ווערט דא אוועקגעשטעלט האט א בעדייטונג נישט נאר פון פראגראמאטישען שטאנדפונקט פון דעם, וואס זאל זיין דער אינהאלט און דער ציעל פון דער ארבייט אין די דאזיגע קינדער-אנשטאלטען, נאר אויך פון דער ארגאניזאציאנעלער זייט, און נעמליך: ווער אייגענטליך דארף אנפיהרען מיט די דאזיגע אנשטאלטען, ד. ה. ווער איז בערופען און צוגעפאסט זיי צו ארגאניזירען און מיט זיי צו פערוואלטען.

אט די דאזיגע קשיא האט געשטעלט פאר דער ספעציעל צוזאמענגערופענער קאלאניע קאנפערענץ, דער גענעראל-סעקרעטאר פון „טאז" ה' ד"ר ל. וואלמאן.

פערשידענע תשובות זענען געפאלען אויף דער אזוי וויכטיגער קשיא. יעדענפאלס איז קלאר געווארען, אז דער „טאז" מוז ביים ארגאניזירען די קאלאניעס אקציע שטעלען דעם טראפ אויף דעם געזונדהייטליכען, פרעווענטיווען און היגיענישען מאמענט.

די צווייטע זעהר וויכטיגע פראגע איז: קאלאניעס אדער האלב-קאלאניעס? וועלכע איז וויכטיגער און נוצליכער פון „טאז" שטאנדפונקט?

וואס איז דער אונטערשיד צווישען קאלאניעס און האלב-קאלאניעס?

קאלאניעס געפינען זיך אין אנ'ארט, וואו ס'איז פערהאן א וואלד, גוטע לופט און די קינדער ווערען אויף דער צייט פון זייער ווילען אויף די קאלאניעס אינגאנצען אבגעריסען פון זייער סביבה, פון זייער היים, וואו ס'איז דושנע, ענג, דאגעגען האלב-קאלאניעס געפינען זיך אין דער שטאדט גופא און די קינדער פערברענגען נאר דארט בייטאג; אויף ביינאכט מוזען זיי צוריקקעהרען אין זייערע ענגע און דושנע שטובען אריין.

פון דעם אויבען-געזאגטען קאן מען ארויסדרינגען, אז די האלב-קאלאניע איז נאר א סוראגאט פון דער קאלאניע און אז מען דארף שטרעבען פאר יעדען פרייז צו ארגאניזירען קאלאניעס פאר אלע קינדער.

ווען מען נעמט אבער אין אכט א צווייטע זייט, נעמליך די פראגע פון אויפנאמס מעגליכקייטען און די פינאנציעלע און דאן די רעזולטאטען ביים וואג צוואוקס ווייזט זיך ארויס, אז די האלב קאלאניע דארף בלייבען א שטענדיגער פאקטאר און דארף נישט אבטרעטען זיין ארט פאר דער קאלאניע.

ראשית, די אויפנאמסמעגליכקייטען: די קאלאניעס האבען זעהר בעגרעניצטע אויפנאהמס מעגליכקייטען. די לאקאלען זענען, צוליב דער שווערער לאגע פון די אינסטיטוציעס, וואס ארגאניזירען זיי, ווייט נישט צוגעפאסט צו דעם, וואס מ'פאדערט היינט פון א קאלאניע אלס הייל און אברוה-ארט פאר קינדער. איבריגענס, ווען אפילו די דאזיגע אינסטיטוציעס וואלטען פערמאגט די נויטיגע קאפיטאלען איז נאך א פראגע, אויב ס'רענטירט זיך צו בויען פאר פיעל געלד אנשטאלטען, וואס ברענגען נוצען העכסטענס 2-3 חדשים אין יאהר.

צוליב די אויבען-אנגעגעבענע סיבות זענען דער רוב אנשטאלטען נישט צוגעפאסט די זיי געשטעלטע אויפגאבען און די קינדער האבען ממילא נישט דעם גענוס, וואס זיי דארפען האבען, דאן זענען די צאהל ערטער אבהענגיג פון דער צאהל צימערען און ארט, דאגעגען די האלב-קאלאניעס זענען נישט בעגרעניצט מיט דער צאהל קינדער.

שנית: פינאנסיעל: די האלבע קאלאניעס מאכען אויס מינדעסטענס 33 פראצ. ביליגער פון די קאלאניעס און דאס אינטערעסאנטסטע דערביי איז, אז פערגלייכענדיג דעם וואגצוואוקס פון די קינדער אויף די קאלאניעס לגבי די האלב-קאלאניעס ווייזט זיך ארויס, אז די קינדער נעמען צו אויף דער וואג אויף די האלב-קאלאניעס כמעט אזוי פיעל וויפיעל אויף די גאנצע קאלאניעס.

דער טשענסטאכאווער „טאז" האט דעם ענין קאלאניעס-האלב קאלאניעס געלעזט אויף פאלגענדען אופן: אויף קאלאניעס ווערען געשיקט קינדער, וואס די דאקטוירים האבען ספעציעל קוואליפיצירט צוליב'ן געזונד-צושטאנד פון קינד, אדער קינדער, וואס צוליב זייערע טרויעריגע וואוינונגס-בעדינגונגען מוזען זיי לכל-הפחות אויף א קורצער צייט ארויסגעריסען ווערען פון דארט.

אזוי ארום האבען מיר שלום געמאכט צווישען די האלב-קאלאניעס און קאלאניעס און ביידע האבען געפינען זייער תיקון.

וועגען דעם פלוס פון דער האלב-קאלאניע לגבי דער קאלאניע, קאן אויך דינען די קאלאניעס אקציע, וואס דער „טאז" פיהרט זייט פעראיאהרען אין די שכנות'דיגע שטעדטלעך. וועגען קאלאניעס וואלט מען דארט נישט געקענט חלומ'ען אפילו, דאגעגען האלב-קאלאניעס האבען מיר לייכט איינגעארדענט איבעראל, דאצו שאפען די האלב-קאלאניעס א מעגליכקייט צו געבען בעשעפטיגונג אין די זומער-חדשים צו איניגע פערזאן פון יעדען ארט אויף די קאלאניעס און אויך דער פדיון פאר פראדוקטען אויף די ערטער קומט זיי צונוץ. ווען מ'זאל אבער די קינדער ארויסנעמען לאמיר זאגען קיין בלאכאווניע (ווי מיר זענען געצווינגען צו טהון אין די קלענערע ערטער, וואו ס'איז נישט פערהאן גענוג קינדער צו עפנען זויפ'ן ארט א קאלאניע) וואלט דער דאזיגער פדיון פאר די דארטיגע יודען פערלוירען געגאנגען.

(סוף קומענדע וואך)

טען מארק אריין. ווען נאך לאנגע שטופעניש'ען רייסט מען זיך דאך אריין ווערט מען פערהאלטען פון די עטליכע אימפרעסאריאס, וועלכע זיצען מיט א טעלער ביי א טישעל און מען בעט אריינצוווארפען א צעהנער, און קוים ווארפט עמיצער אריין א פינפערל, נעמט מען עס אויך צו, ס'רוב אבער דרעהען זיך אפילו פון א פינפערל אויך ארויס.

אזוי דויערט דער געפילדער, ביז ענדליך מען קומט צו לויפען מיט דער בשורה, אז ס'חזנ'דל איז אנגעקומען. אזוי לייכט קומט איהם אבער נישט אן זיך אריינצובעקומען אינעווייניג, ווייל די יעניגע, וועלכע האבען בשום אופן נישט געקענט אריינשטיפען זיך, האבען כאטש געוואלט דאס וואונדער-חזנ'דל אנקוקען פון דער גאהנט. נו, האט מען זיך געדריקט און געקוועטשט צו איהם, אזוי, אז עס איז עפיס גאט'ס וואונדער, וואס דער קאנצערטיסט איז אריין אין שוהל א לעבעדיגער.

אין שוהל אבער איז ווייטער א הארמידער, חסידישע בחורים'לעך מיט צופלאסענע פיאות לויפען הין און צוריק, פונקט אזוי ווי אין שטיבעל און דערביי מאכט מען העזיות און מען שמועסט זיך אדורך. אויך די „מעקסיקאנער" רוהען נישט, נאר איינער רופט דעם אנדערען. ענדליך הערט זיך דאס אלט - שטימעלע פון חזנ'ל, וועלכע קרייט ארויס א והוא רחום יכפר עון, דערביי הערט זיך א פייף פון א מעקסיקאנער, וועלכער דריקט דערמיט אויס זיין ענטציקונג. א מינוט ווערט שטיל, באלד אבער ווערט צוריק א גערודער, א געקלאפעריי אין שולחן, א געשריי פון ממשש, אז מען זאל נישט שטעהן אויף די בענק, א „געשושקעריי" פון שכנים, דאס אלעס צוזאמען מאכט דעם איינדרוק פון א ביהנשטאק.

כ'זאג דעם אמת, אז דאס פנים האט מיר געפלאמט פאר בושה. וועט איהר דאך פרעגען פאר וועמען האב איך מיך געהאט צו שעהמען, אז עס זענען געווען סאמע יודען? איז אבער די צרה, וואס זיי האבען אויך געבראכט א פאליציאנט, האב איך מיך טאקי געשעהמט פאר אט דעם אריסען פאליציאנט, וועלכער האט ארויסגעטראגען וועגען אונז א נישט-זעהר געהויבענע מיינונג, ווארום אין דער קירכע, להבדיל, האט ער דאס בעשטימט נישט געזעהן.

אט צוליעב דעם אלעם אויבענגעזאגטען, בעט איך אייך, ליעבע שוהל-גבאים, זאלט איהר מעהר נישט דערלויבען אזעלכע קאנצערטען.

צום קהלה-פראזעס און קהלה-פערוואלטונג.

חשוב'ע זקני-העיר. איך ווייס גאנץ גוט, אז די לאגע פון דער קהלה איז א קלאגעדיגע און נישט בלויז אין דער מאטעריעלער הינזיכט זענט איהר אויף צרות, נאר אייך אין מאראלישען זין איז אייך נישטא וואס מקנא צו זיין. אט איז שוין באלד גאנצע צוויי יאהר ווי מען האט אויסגעוועהלט א נייע קהלה און ביז איצט זענט איהר נאך נישט בעשטעטיגט. אז דאס איז פאסקודנע, איז דאך זעלבסטפערשטענדליך. די גאנצע קהלה ווירטשאפט געהט דאך צו גרונד. נישט איהר לעבט, נישט איהר זענט געשטארבען, מילא איז דאך אייך נישטא וואס מקנא צו זיין, פונדעסטוועגען אבער זענט איהר דאך כלומר'שט די אפיציעלע פארשטעהער פון דער היגער יודישער עדה, זאלט איהר דעריבער געדענקען און נישט לאזען דערוויל אויסשטעלען די קהל'שע מקוה אויף ליציטאציע.

אמת, איהר וועט זיך פערטיידיגען, אז איהר האט נישט קיין בודזשעט און אז איהר האט שוין יא א בודזשעט און לייגט ארויף עטאט, וואס מוז על-פי-דין בעשטעטיגט ווערען דורכ'ן קהלה ראט, קומט זיך דער לעצטער נישט צונויף, ראשית, צוליעב דעם, וואס דער ראט איז דעקאמפלעטירט, והשנית, ווילען די יעניגע, וועלכע זענען יא נאך דא, נישט קומען צוליעב סאבאטאזש טעמים, אזוי, אז ס'קומט אן מיט גרינע ווערים ביז מען האט די זכיה, אז דער היינטיגער ראט זאל בעשטעטיגען א בודזשעט, וואס די פערוואלטונג מאכט. און אז מען האט שוין יא די זכיה, אז אזא בודזשעט זאל דורכ'ן ראט אקצעפטירט ווערען און מען שיקט איהם מיט מזל אוועק צו דער אויפזיכטס-מאכט צום בעשטעטיגען, קומט ער מיט א פאר חדשים שפעטער צוריק נישט-בעשטעטיגטערהייט, מיט'ן מאטיוו, אז דער בודזשעט איז געמאכט געווארען צו-שפעט און אזוי ארום איז די קהלה-קדושה געבליבען אהן א בודזשעט. איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, אז איהר זענט נעביך אויף געהאקטע צרות, פונדעסטוועגען אבער מוזט איהר היטען דאס קהל'שע פערמעגען און קודם-כל די קהל'שע מקוה, ווייל איהר ווייסט דאך וואס פאר א שאדען דאס וואלט געווען פאר דער פערמעהרונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאכאוו...

אט צוליעב די טעמים און נאך אנדערע מאטיוון דארפט איהר געדענקען נישט לאזען אין משך פון דער צייט די מקוה פטר'ן...

א יודישער פאליציאנט.

מען זאגט, אז אין די ערשטע צייטען פון פוילען'ס ווידעראויפלעבונג זענען אויך געווען מעהרערע יודישע פאליציאנטען. איך האב אזעלכע נישט געזעהן. פארוואס א בעפעלקערונג פון איבער דריי מיליאן גיט נישט צושטייער אויך צו דער פאליציי, איז קיין פראגע נישט, הלמאי אז אויף דער באהן „ווילען" יודען אויך נישט ארבייטען, נאר נישט וועגען דעם געהט איצט. איך וויל אייך דערצעהלען, אז איך האב יא געזעהן א יודישען פאליציאנט און גערעדט מיט איהם זאגאר יודיש. די מעשה איז נאר, וואס דער דאזיגער יודישער פאליציאנט אמטירט אין חיפה, ארץ ישראל.

דער דאזיגער יודישער פאליציאנט איז אונזערס א בן-עיר ושמו און ער הייסט אשר שווארצבוים, א זוהן פון קיילע שיף, א יונגעל וועמ מיר א שטיקעל גוט'ס גינט. דער דאזיגער פאליציאנט איז שוין אנ'ערך 14 יאהר אין דינסט און איצט איז ער געקומען אויף אורלויב צו זיינע עלטערן.

אין ארץ-ישראל רופט זיך ה' שווארצבוים: אילן, א בוים און ער איז טאקי אזוי שעהן ווי א בוים.

אין פוילען זענען אויך מסתמא דא אזעלכע יונגלעך ווי ה' שווארצבוים און פונדעסטוועגען, אז עמיצער פון אונזערע יודישע יונגעלייט וויל ווערען א פאליציאנט, מוז ער צוערשט פאהרען קיין א"י און דארט קאן ער זיין ציעל דערגרייכען, אזוי ווי עס האט געטהון אונזער שווארצבוים און נאך אנדערע יונגעלייט פון פוילען.

ער מאכט עס זעהר גוט.

ס'איז מיר איינגעפאלען איינמאל א פרייטאג אוועגד צו בעזוכען די נייע סינאגאגע, עפיס איז דאך דארט אמאל געשטאנען דער וועלט-בעריהמטער בירנבוים, דאן איז דאך דער כאר פון דער סינאגאגע, אפילו בימי פישעל (א תלמיד פון בירנבוים) אויך געווען א גלענצענדער, האט זיך מיר טאקי פערבענקט נאך די הארציגע געזאנגען, וואס האבען דארט זעהר שעהן געקלינגען, נאר הפנים, עס איז מיר נישט געווען בעשערט.

איך האב געטראפען פעריען-צייט, ווען הער חזן און כאר זענען אויף אברוה און עס פערטרעט דעם חזן דער בעל-קורא און מזן שני ה' קאלמירסקי, וועלכער דאווענט אהן א כאר.

לכתחילה האב איך געוואלט פערלאזען די שוהל, ממה נפשך, אויב דער קאנטאר מיט'ן כאר דאווענען נישט, טא וואס איז דא צו הערען. באלד האט מיך אבער צוגעצויגען א מתיקות'דיג, הגם נישט קיין שטארק, אבער א זעהר אנגענעהם שטימעלע פון חזן קאלמירסקי. הגם א חסידישער בחור, א בן תורה, פונדעסטוועגען קען ער די מלאכה פון דאווענען אין דער נייער סינאגאגע נישט ערגער פון א פאטענטירטען חזן.

זייט געזונט

פאר אלע לעזער פון „וואס געהערט וואס געזעהן" שיק איך איבער א הארציגען גרוס פון דעם קורארט קראשטשענקא הסמיכה לשטשאווניץ.

קינדערלעך, גאט'ס וועלט איז שעהן און פרעכטיג און אויך פוילען האט וואונדערבארע ווינקעלעך, און איינס פון די דאזיגע ווינקעלעך איז קראשטשענקא, וואו מיין ווענעגקייט רוהט אב פון דער שווערער הארעוואניע פון א גאנץ יאהר.

הערליך איז די וועלט, שעהן איז פוילען. ווען די מענשען וואלטען כאטש פערמאגט אין זיך א 10 פראצענט פון דער שעהנקייט פון דער נאטור, ווי גוט וואלט געווען צו לעבען אויף דער וועלט. ליידער, איז עס אבער נישט אזוי, די מענשען מאכען קאליע, פערדארבען דאס שעהנקייט, וואס דער גרויסער מייסטער, די נאטור, האט בעשאפען.

אבער איך וועל זיך נישט אריינלאזען אין פילאזאפישע חקירות, איך וועל בעסער אייך דערצעהלען וועגען פערשידענע איינדריקען, וואס איך און נאך א סך טשענסטאכאווער, וועלכע הויערען אין די נעצעלטען פון קראשטשענקא לעבען איבער. דערוויל אבער שיקען מיר אייך איבער א הארציגען זייט געזונט.

לויתן

נאכ'ן רעפאָרמירען דעם טאַבּאַק-האַנדעל.

אויף פערשידענע אופנים בויט מען וועגען פאַר דעם מכלומרשט סטיכישען פראָצעס פון „פערפוילישען דעם האַנ־דעל". אַ גאַר אנגעזעהענער און אין זייערע אויגען זעהר פיהלבּאַרער בּיי־שטייער פאַר אָט דעם פראָצעס, איז צווישען אַנדערע די לעצטענס דורכ־געפיהרטע רעפאָרם פון טאַבּאַק האַנ־דעל.

לויט די פאָרשריפטען וואס פער־פליכטען פון מערץ ה. י. אָן, קאנען האַנדלען מיט טאַבּאַק אַרטיקלען נאָר די אייגענטימער פון געוועלבּער, מיט וועלכע דער מאָנאָפּאָל האט געשלאָסען אַ האַנדעלס - אָבּמאַך. צו דעם צוועק האבען די פעראינטערעסירטע סוחרים בּעלעגט בּיז'ן 25 אָקטאָבּער פ. י. אין דער דירעקציע פון טאַבּאַק-מאָנאָפּאָל, אָדער אין איינער פון זיינע פערקויפס־שטעלעס, בּיטעס וועגען שליסען אַזעל־כע אָבּמאַכען. דערבּיי איז פאָראויס־געזעהען לויט'ן געזעץ, אַז בּיים שלי־סען אָבּמאַכען האבּען אַ פאָרצוג מענ־שען „מיט פערדינסטען" (געוועזענע אונבּאַהענגיגקייטס - קעמפער, מלחמה־אינוואַלידען א. ד. גל.) די צאָהל פער־קויפס-פונקטען פון טאַבּאַק אַרטיקלען דאַרף אין רעזולטאַט פון דער רעפאָרם רעדוצירט ווערען בּיז צו אַ דריטעל פון דער פריהערדיגער צאָהל. די ווירד־טשאַפטליכע עלעמענטען פון אַ געווי־סער רעפאָרם קען מען נישט בּעטראַכ־טען אָבּגעריסען פון די סאָציאַלע פאָל־גען, וועלכע די ענדערונג איז עלול מיט זיך צו בּרענגען. אין דער הינזיכט קאָן מען דרייסט פעסטשטעלען, אַז די איצטיגע רעפאָרם איז ממש אַ קאַטאַ־סטראָפאַלע פאַר טויזענטער קלענערע האַנדעלס-אונטערנעהמונגען, דער עיקר אין די קלענערע שטעדט. טיטון און פאַפּיראָסען בּילדען אַ וויכטיגען בּע־שטאַנד טייל אין דעם אַסאָרטימענט פון פראָווינצער געוועלבּיל (להיפוך צו די גרויסע שטעדט, וואו מען קויפט מער־סטענס אין די גאַסען בּודקעס) און קיין שום קרעמער קען זיך אָהן דעם אַר־טיקעל נישט בּעגעהן, אויבּ ער וויל נישט פערלירען דעם קאָנסומענט. דער פויער, וואס קומט אין שטעדטיל אריין אויפ'ן טאַרג, מאַכט לרוב אַלע זיינע איינקויפען אין איין געוועלבּ און אויבּ ער וועט דאָרט נישט געפינען מאַכאָר־קע, וועט ער אַוועק צים סוחר'ס קאָנ־קורענט, וואו ער קען אַלץ „מיט איין מאָל" בּעקומען. אויף אַזאַ אופן בּריי־טערען זיך אויס די פאָלגען פון דער יעצטיגער רעפאָרם ווייט איבּער די גרעניצען פון בּלויז טאַבּאַק אַרטיקלען כדי פעסטצושטעלען די רעזולטאַטען פון בּלויז טאַבּאַק אַרטיקלען. כדי פעסט־צושטעלען די רעזולטאַטען פון ערשטען אָבּמאַך—„שעדיול", וואס איז פערענ־דיגט געווארען פאַר'ן 1-טען מערץ ה.י. און פערגלייכען די צאָהל יודישע און נישט-יודישע טאַבּאַק הענדלער פריהער און איצט, האָט דער צענטראַלער דע־טאַליסטען און קליינהענדלער-פערבּאַנד דורכגעפיהרט אַנ'ענטשפּרעכענדע אַנ־קעטע צווישען זיינע אָבּטיילונגען.

די אויספאָרשונג האט אַרומגענומען אַלע דריי טיפען פון טאַבּאַק האַנדעל: 1. „געמישטע" געוועלבּער, ד. ה. אַזעל־כע, וואס פערקויפען נעבּען אַנדערע אַרטיקלען אויך טאַבּאַק אויסאַרבּייטונ־גען, 2. „הויז פערקויף" – רעסטאָראַ־נען, קאַוויאַרניעס, בּופעטען א. ד. גל., וואס פערקויפען בּלויז פאַפּיראָסען און 3. זעלבּסטשטענדיגע (סאַמאָאיסטנע) – דעטייל-געשעפטען, אין וועלכע טאַבּאַק־אויסאַרבּייטונגען בּילדען דעם הויפט־אַרטיקעל. ווי מיר האבּען פריהער דער־מאנט געהערען נישט די גאַסען-בּוד־קעס צו דער קאַטעגאָריע „געוועלבּ-האַנדעל".

אין אַלגעמיין זענען אויסגעפאָרשט געווארען קרוב 200 שטעדט.

פון די ציפערען זעהט מען בּולט לויט וואס פאַר אַ שליסעל עס איז פאָרגעקומען די צעטיילונג פון „אָבּ־מאַכען". בּעת אין אַלגעמיין האט זיך די צאהל פערקויפס-פונקטען פערקלע־נערט מיט אַנ'ערך 62 פראָצ., איז דער אַנטייל פון יודישע געוועלבּער אין די דערמאַנטע שטעדט רעדוצירט געווארען מיט 82,7 פראָצ. די צאהל נישט-יודישע געוועלבּער, וואס [illegible] בּעקומען רעכט צו האַנדלען מיט טאַ־בּאַק-אַרטיקלען, האט זיך פערקלענערט סך-הכל מיט 20 פראָצ. און אין די מזרח-וואָיעוואודזטוועס, וואו מען לייגט אַ ספּעציעלען אַכט אויף צו הויבּען דעם קריסטליכען בּעזיץ אינ'ם האַנ־דעל, האט זיך די צאהל נישט-יודישע געוועלבּער אפילו פערגרעסערט. אַ־זעלכע פאַקטען האבּען מיר פערנאָטירט אין קרעמעניץ, סאַרני, קלעוואַן, קאָס־טאָפאָל, פּרוזשאַן וויסאָקע ליט און אין אַנדערע שטעדטלעך. אויבּ פאַר דער דורכפיהרונג פון דער לעצטער רעפאָרם האבען מיר געהאט אין די אויסגעפאָרשטע שטעדט אויף יעדע 100 יודישע קרעמען, וואס האבּען גע־האַנדעלט מיט טאַבּאַק אַרטיקלען, 47,8 נישט-יודישע, האבּען מיר היינט נאָכ'ן I,II–1938 אויף יעדע 100 יודישע–219,9 נישט-יודישע, ווי מיר זעהען האט זיך מיט דער הילף פון דעם אָבּ־מאַך—„שעדיול" נישט נאָר אויסגע־גלייכט די צאהל נישט-יודישע פער־קויפס-פונקטען מיט די יודישע, נאָר אפילו זי איבּערגעשטיגען מעהר ווי דאָפּעלט.

נאָך שטאַרקער קומט צום אויסדרוק די בּעוועגונג פון יודישע קרעמער ווען מען טיילט פונאַנדער די צאָהל אָבּמאַכען לויט דעם טיפּ געוועלבּער:

„געמישטע" און „הויז-פערקויף". ווי בּעוואוסט געפּיסען די אייגענטימער פון די „געמישטע" געוועלבער פון אַ גרעסערען ראַבּאַט און זענען נישט בּעגרעניצט אין די אַרטיקלען, מיט וועלכע זיי מעגען האַנדלען, דאס האט געווירקט, אַז דער מאָנאָפּאָל האט מיט אַ „לייכטערער האַנד" געשלאָסען אָבּ־מאַכען אויף „הויז-פערקויף" ווי אויף „געמישטען"—האַנדעל.

וואס שייך די א. ג. „זעלבּסטשטענ־דיגע" געוועלבּער, וואס פיהרען אַ האַנדעל מיט טאַבּאַק פון אַ גרעסערען פערנעהם און וואו דער יודישער בּע־זיץ לגבּי דעם נישט-יודישען האט פריהער אין די אויסגעפאָרשטע שטעדט בּעטראָפען 5,1 זענען איצט געבּליבען: בּיי יודען 20,5 פראָצ., בּיי נישט-יו־דען—168,6 פראָצ.

דא האט זיך געהאַנדעלט אין רע־אַליזירען אויף אַ בּעשטימטען, וויכ־טיגען האַנדעלס-אָבּשניט דעם אנגע־צייכענטען דורכ'ן לעצטען קאָנגרעס פון קריסטליכען סוחרים פראָגראַם ווע־גען „ענטיודישען" דעם האַנדעל און די איצט גרונדליך דורכגעפיהרטע טאַבּאַק-גזירה האט די דאָזיגע אויפ־גאַבּע בּשלמות ערפולט. צי וועט אָבּער די דורכגעפיהרטע רעפאָרם הויבּען דעם טאַבּאַק-האַנדעל אין פוילען ווי עס פּרעדיגען די אָנפיהרער פון מאָ־נאָפּאָל—אין דעם זענען מיר מעהר ווי מסופק.

ל. קאַדין

דאָס פייערליכע שליסען פון די האַלבּ-קאָלאָניעס אין קושעפּיץ און קלאָבּוצק

דער „טאָז" האט די וואָך פערענדיגט די ערשטע סעריע האַלבּ-קאָלאָניעס און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט די לייטונג איינגעלאַדען די היגע יודישע און פויליש יודישע פּרעסע, ווי אויך אַ רייהע געזעלשאַפטליכע טהוער, וועלכע זאָלען בּייוואוינען די פייערליכקייט פון שליסען די האַלבּ-קאָלאָניעס אין קושע־פּיץ און קלאָבּוצק.

צום אָנגעוויזענעם טערמין, מיטוואָך 3 נאָכמיטאָג זענען מיר, אין אַ ספּעצ־יעל צוגעגרייטען אויטאָבּוס, אַרויסגע־פאָהרען אין די דערמאַנטע צוויי פונק־טען, וואו ס'האבּען אויף אונז געוואַרט די דאָרטיגע עסקנים. נאָכ'ן בּעקענען זיך מיט'ן לעבּען פון די קינדער אויף די קאָלאָניעס און בּעזוכען די אַרומיגע געגענד, וואו זיי האבּען פערבּראַכט אויף די פרישע לופט – זענען פאָרגע־קומען קינדער פאָרשטעלונגען, וועלכע האבּען אויף אַלע בּעזוכער איבּערגע־לאָזט אַ גוטען איינדרוק.

עס נעמט דאַן אַ וואָרט צו אַ בּע־גריסונג דער פּרעזעס פון דער קושע־פּיצער „טאָז"-אָבּטיילונג, ה' שילים, וועלכער דאַנקט וואַרים דער צענטראַ־לע אין וואַרשע און ספּעציעל דעם טשענסטאָכאָווער „טאָז", פאַר זייערע בּעמיהונגען צו קומען צו הילף די אָרימע קינדער, אַז זיי זאָלען קענען פערבּרענגען אין אַ היימישער סביבה כאָטש איין חודש אין יאָהר.

אין נאָמען פון דער קלאָבּוצקער יודישער בּעפעלקערונג רעדט די פּרע־זעס פון דער דאָרטיגער „טאָז" אָבּטיי־לונג פרוי בּאַלאַ זיגעלמאַן (פון דערהיים קורלאַנד), וועלכע דאַנקט אין האַרציגע ווערטער דער צענטראַלע אין וואַרשע, דעם „טאָז" אין טשענסטאָכאָוו, ווי אויך די ה"ה: ראָזינגער און בּרענער פאַר זייערע לייסטונגען בּיים איינאָרדנען די האַלבּ-קאָלאָניעס אין קלאָבּוצק און ווינשט, אַז איבּער אַ יאָהר זאָלען מיר זיך אַלע ווידערזעהען.

עס רעדט נאָך ה' כאַדאַ, וועלכער דאַנקט צווישען אַנדערע אויך דעם לעהרער פּערסאָנאַל און דעם ה' פּייוויש אַלטמאַן פאַר זייער גוטער אָרגאַניזאַציע און וואַרימע בּעציהונג צו די קינדער.

מיט'ן מאַכען פערשידענע פאָטאָגראַ־פישע אויפנאַהמען דורכ'ן פאָטאָגראַפיסט ה' בּיבּער, ווערט די פייערליכקייט פערענדיגט.

נאָכ'ן בּעשיידענעם בּאַנקעט, וואס די קלאָבּוצקער עסקנים האבּען איינגע־אָרדענט פאַר די טשענסטאָכאָווער געסט, זענען מיר האַלבּ 10 אָוונער צוריקגע־פאָהרען אַהיים.

אַ געטריע אָבּהאַנדלונג וועגען די קינדער פאָרשטעלונגען און נאָך אַנדערע איינדרוקען – וועלען מיר געבּען אין נעכסטען נומער.

דער טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַן ה' צינה אַרושעך צו-גאַסט אין קינדערהיים.

ווי בּעקאַנט האט לעצטענס געווייל. בּיי אונז אין שטאָדט דער טשענסטאָ־כאָווער לאַנדסמאַן פון טאָראָנטאָ ה' צינה אַרושעך. דער גאַסט איז דאָ גוט בּעקאַנט פון די פריהערדיגע יאָהרען אין אַלע און ספּעציעל אין די אַרבּייטער־קרייזען, וואו ער האט בּיז צו זיין פערלאָזען טשענסטאָכאָוו גענומען אַנ־אַקטיווען אַנטייל אויף פערשידענע גע־בּיעטען. ער איז אויך געוועזען איינער פון די גרינדער פון פּראָפ. פעראיין פון בּעקער-אַרבּייטער אין טשענסטאָכאָוו, וואס עקזיסטירט נאָך פון פאַר די מלחמה-צייטען.

אַ ספּעציעלען וואַרימען אינטערעס האט פריינט אַרושעך אַלעמאָל אַרויס־געוויזען צום יודיש וועלטליכען שול־וועזען און אַלס אַזעלכער האט ער, זייענדיג אין אַמעריקע, אויך נישט פערגעסען אין די היגע פּרץ-שולען.

פריינט אַרושעך האט זיך בּעת זיין דאָ זיין געוויער בּעקאַנט מיט דער אַלג. יודישער לאַגע און בּעזוכט אויך אַ גאַנצע רייהע אינסטיטוציעס.

———————

דעם לעצטען שבּת-צו-נאַכטס איז פריינט אַרושעך געוועזען דער גאַסט פון קינדערהיים און בּעקאַנט זיך דאָר־טען מיט דער גאַנצער פיהרונג פון אַנשטאַלט. אויף דער ספּעציעלער זיצונג מיט די נאָהנטסטע שול-פריינט, האבּען די ה"ה א. פּרץ און א. בּראַט בּעגריסט דעם גאַסט און בּעריכטעט פון דער בּיז איצטיגער טעטיגקייט פון קינדער־היים ווי אויך פאָרגעשטעלט פּלענער פון ווייטערדיגער פערבּרייטערטער שול־אַרבּייט. נאָך די בּעגריסונגען איז פאָרגעקומען אַ געזעגענונגס - אָוונט לכבוד דעם גאַסט, מיט וועלכען די היגע שול-טהוער האבּען בּיי אַ גלע־זעל משקה פערבּרענגט עטליכע שעה צייט אין אַ פיינער געמיטליכער אַטמאָ־ספערע און געגענזייטיג זיך געטיילט מיט איינדרוקען וועגען לעבּען און קאַמף פון בּיידע זייטען ים. אינ'ם נאָ־מען פון דער פערוואַלטונג און שול־פריינט האבּען דעם גאַסט האַרציג געזעגענט ה"ה: א. פּרץ, א. בּראַט, י. קויפמאַן, מ. בּערקענשטאַדט, וו. פייגע, פּרענטקי א. א., וועלכע האבּען דערבּיי אויך געבּרענגט צום אויסדרוק די גוטע רעזולטאַטען פון דער שול־טעטיגקייט, וואס גנהט לעצטענס דאָ אָן מיט פעראייניגטע כחות.

צום סוף האט דער גאַסט אויסגע־דריקט זיין דאַנקבּאַרקייט צו די פער־וואַלטער פון קינדערהיים פאַר דער האַרציגער אויפנאַהמע, וואס איז לכבוד איהם, בּפרט אומגעריכטערהייט, צוגע־גרייט געווארען, וועלכע האט אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. ה' אַרושעך האט אין זיין געזעגענונגס־וואָרט אויסגעדריקט אַנערקענונג צו די היגע שול-טהוער פאַר זייער נוצליכער אַרבּייט לטובת דעם יודישען קינד און דערבּיי צוגעזאָגט, אַז קומענדיג צוריק קיין קאַנאַדע וועט ער, פון זיין זייט, מיט אַלע כחות מיטהעלפען און מיט־ווירקען בּיי די טשענסטאָכאָווער לאַנד־סלייט צום אויפהאַלטען פון קינדער־היים, אַלס איינציגע וואַרימע היים פאַר'ן אָרימען יודישען פאָלקס-קינד.

ענדערונגען אויפ'ן אַמט פון דירעק־טאָר פון דער אובּעזפּיעטשאַלניע

דער דירעקטאָר פון דער היגער אובּעזפּיעטשאַלניע אינזש. לוקאַש גלוש־טשאַק וועט אין די נאָהנטסטע טעג פערלאָזען אונזער שטאָדט און פערנע־מען אַנ'עהנליכען אַמט אין דער לובּ־לינער אובּעזפּיעטשאַלניע.

דיר. גלושטשאַק האט אויפ'ן אַמט פון דירעקטאָר פון דער היגער אובּעזפּיעטשאַלניע גרויסע פערדינסטען. ער האט מיטגעווירקט צו דער ענטוויקלונג פון הייל-וועזען, געעפענט אַנ'אייגען שפּיטאָל פון דער אובּעזפּיעטשאַלניע מיט 150 בּעטען און ענטוויקעלט אַ בּרייטע פערהיטונגס-אַקציע (סובּסידירען זומער-קאָלאָניעס, אַרויסשיקען מיטגלי־דער אין די הייל-אַנשטאַלטען, לאַגערען א. אז. וו.)

דער אַמט פון דירעקטאָר פון דער היגער אובּעזפּיעטשאַלניע וועט אין קורצען בּעזעצט ווערען דורך אַ קאָנ־קורס.

סטאַראָסטאַ ראַזמאַרינאָווסקי זיך צוריקגעקעהרט פון אורלויבּ

דער פאָוויאַטאָווע און שטאָדטישער סטאַראָסטאַ וול. ראָזמאַרינאָווסקי האט זיך צוריקגעקעהרט פון אָבּרוה אורלויבּ און צוריק איבּערגענומען זיין אַמט.

גלייכצייטיג האט אָנגעהויבּען דעם אָבּרוה-אורלויבּ וויצע-סטאַראָסטאַ ליבּוּ־כאַ, וועלכען עס וועט פערטרעטען בּעת זיין אָבּוועזענהייט רעפערענט מאַג. מאַרשינסקי.

אורלאָפּען אין דער סטאַראָסטווע און אַרבּייטס-אינספּעקטאָראַט

דער נאַטשעלניק פון דער זיכער־הייטס - אָבּטיילונג בּיים שטאָדטישען סטאַראָסטווא ה' מאַלעץ האט אָנגעהוי־בּען זיין אָבּרוה-אורלויבּ. עס פערטרעט איהם מאַגיסטער קוויאַטקאָווסקי.

גלייכצייטיג האט אויך אָנגעהויבּען דעם אָבּרוה-אורלויבּ דער אַרבּייטס־אינספּעקטאָר אַלעקסאַנדער ראַדלאָווסקי. בּעת זיין אָבּוועזענהייט פערטרעט איהם פאַדאינספּעקטאָר וואַווזשיניעץ סאָבּקאָוויאַק.

פּערסאָנאַלע ענדערונגען אין דער סטאַראָסטווע

דער אינדוסטריע - רעפערענט בּיי דער סטאַראָסטווע ה' סטאַנטשיק, אָבּ־סאָלווענט פון דער העכערער האַנדעלס־שולע, איז איבּערגעטראָגען געווארען אויף אַ העכערען אַמט אינ'ם מיניס־טעריום פאַר האַנדעל און אינדוסטריע.

אַ נייער פּראָקוראָר אין טשענ־סטאָכאָוו

דעם 1-טען ווזשעשען ה.י. זאָל פער־גרעסערט ווערען די צאהל היגע פּראָ־קוראָרען מיט'ן ניי-נאָמינירטען פּראָקו־ראָר פון קרייז-געריכט טאַדעאוש קאָס, אַ זוהן פון היגען קאָמאַרניק און פּרע־זעס פון „אָזאָן".

אויפ'ן חשבּון פון דער טשענסטאָ־כאָווער גאַזאָווניע

דער מאַגיסטראַט האט בּעשלאָסען אויסצוצאָהלען די סומע פון 1500 זלאָ־טעס דעם אינזש. מיקאַלייטשיק פאַר די טעכנישע צוזאַב-אַרבּייטען בּיים פּלאַן צו בּויען די טשענסטאָכאָווער גאַזאָווניע.

דירעקטאָר פון דער א"י קראַנקען־קאַסע—אין טשענסטאָכאָוו

בּיי אונז אין שטאָדט האט צוליבּ פאַמיליען אַנגעלעגענהייטען געווילט איניגע טעג דער דירעקטאָר פון דער קראַנקען-קאַסע אין ארץ-ישראל ה' בּרוך פריבּער.

דער ה' פריבּער האט בּעזוכט צווי־שען אַנדערע אינסטיטוציעס דעם „טאָז" און דאס יודישע שפּיטאָל.

ערפאָלג פון חזנ'דל יאָסעלע פרידלענדער

פערגאַנגענעם מאָנטאַג האט אין דער היגער שטאָדטישער שוהל געדאַווענט מעריבּ און דערנאָך געגעבּען אַ רעלי־גיעזען קאָנצערט דער 13-יעהריגער יאָסעלע פרידלענדער פון בּיאַליסטאָק.

דאס שעהנע דאַווענען און זינגען פון טאַלאַנטפולען יונגען חזנ'דל האט שטאַרק אויסגענומען בּיים צאַהלרייך פערזאַמעלטען עולם.

עהנליכע רעליגיעזע קאָנצערטען האט פרידלענדער געגעבּען מיט גרויס ער־פאָלג אין אַנדערע היגע שוהלען.

פּערזענליכעס

אונזער בּן-עיר ה' נתן קאַפּלאַוויטש, אַ זוהן פון ה' יצחק קאַפּלאַוויטש, האט געענדיגט דעם מעדיצינישען פאַקולטעט אויפ'ן אוניווערזיטעט אין טורינאָ (איטאַליען) און בּעקומען דעם טיטול דאָקטאָר מעדיצין.

געגענזייטיגע קאָנקורענץ פון די אויטאָבּוסען-אונטערנעהמונגען

טשענסטאָכאָוו איז די שלוס סטאַציע פון דער ווייט-שטרעקיגער שלעזישער אויטאָבּוסען-ליניע קאַטאָוויץ—טשענסטאָ־כאָוו.

די טשענסטאָכאָווער אויטאָבּוסען־אונטערנעהמונג, וועלכע האט גענומען אין אַרענדע די שטאָדטישע אויטאָבּו־סען-קאָמוניקאַציע אין אונזער שטאָדט, איז אַרויסגעטרעטען צו דער אַדמיניס־טראַטיווער מאַכט מיט אַנ'אַנקלאַגע אויף דער שלעזישער אויטאָבּוסען-גע־זעלשאַפט, פאָרוואַרפענדיג, אַז איהרע אויטאָבּוסען שטעלען זיך אין שטאָדט און פיהרען איבּער פאַר אַ געהעריגען אָבּצאָהל די פּאַסאַזשירען אין די גרע־ניצען פון דער שטאָדט, אויף וואס זיי האבּען נישט קיין רעכט, ווייל בּלויז די שטאָדטישע אויטאָבּוסען - אונטער־נעהמונג איז בּערופען איבּערצופיהרען פּאַסאַזשירען אין די גרעניצען פון דער שטאָדט.

די שטאָדט-פערוואַלטונג האט ענער־גיש אונטערגעשטיצט די גערעכטע טענות פון דער היגער אויטאָבּוסען־געזעלשאַפט.

8 אָריענטאַציע-טאָוולען אויף די היגע גאַסען

דער מאַגיסטראַט האט בּעשלאָסען אַרויסצוהענגען 8 אָריענטאַציע-טאָוולען, וועלכע זאָלען אָנווייזען דעם וועג צו די פּאָליציי-אַמטען מיט די אויפשריפ־שריפטען: „צום ערשטען קאָמיסאַריאַט", „צום צווייטען קאָמיסאַריאַט" א. אז. וו. אַזעלכע עמאַלירטע טאָוולען וועלען אַרויסגעשטעלט ווערען אויף 8 פּונקטען פון דער שטאָדט, דערונטער אויך אויף דער יאַסנאַ-גוראַ.

די פּאַפּע-אַרבּייטער בּעקומען אַ הוספה

מיט איינינע טעג צוריק זענען די אַרבּייטער פון פינף אָרטיגע פּאַפּע־פאַבּריקען אַרויסגעטרעטען מיט פאָדע־רונגען פון אַ לויהן-הוספה און צו שליסען אַ קאָלעקטיווען אָבּמאַך. דער ערשטער פון פאַבּריקאַנטען, וואס איז נאָכגעקומען די דאָזיגע פאָדערונגען איז געווען ה' יוליאַן רייכער און די איבּעריגע האבּען אָנגענומען אַנ'אָבּוואַג־שטעלונג. צוליבּ דעם האבּען די אַר־בּייטער פּערשטרייקט.

איצט האבּען אָבּער דעם בּיישפּיעל פון ה' רייכער נאָכגעטהון די פאַבּריק פון מאַמלאָק, בּעם און בּערלינער און גאָזענצווייג. דער קאָנפליקט דויערט ווייטער בּלויז אין דער פאַבּריק פון לעווקאָוויטש און בּערגמאַן. די אַנער־קענטע הוספה פערפליכטעט פון 14-טען אַפּריל ה. י. אַזוי-אַרום וועלען די אַר־בּייטער בּעקומען אַנ'איינמאַליגע גרע־סערע סומע פאַר דער אָבּגעלאָפענער צייט.

די צאָהל אַרבייטסלאָזע אין טשענסטאָכאָוו

די אַלגעמיינע צאָהל אַרבייטסלאָזע, וואָס זענען רעגיסטרירט אין דער אַר־ביטער עקספּאָזיטור פון אַרבייט־פאָנד בעטרעפט 4.100, דערפון פאַלט צו דער שטאָדט א גרעסערער טייל.

אויף די שטאָדטישע עפענטליכע אַרבייטען זענען בעשעפטיגט 2.100 פּערזאָן, דערונטער 500 פרויען, אויף די עפענטליכע אַרבייטען אין פּאָוויאַט — אַנ׳ערך 2000.

צום פאַרקלענערען די צאָהל אַר־בייטסלאָזע אויפ׳ן שטח פון אונזער פּאָוויאַט האט בעדייטענד מיטגעווירקט די פירמע „טאָר", וועלכע בויט די באַהן־ליניע טשענסטאָכאָוו—שעמקאָוויץ און בעשעפטיגט דערביי 700 אַרבייטס־לאָזע פון פּאָוויאַט.

אויף די אַרבייטען ביים פאַרזיכערען די ברעגעס פון דער ווייסעל האט די טשענסטאָכאָווער עקספּאָזיטור פון אַר־בייטס פאָנד געשיקט 300 שטאָדטישע אַרבייטסלאָזע און קיין פּאָלעסיע — אַנ׳ערך 400.

פּלוצלינגער טויט פון א היגען דאָקטאָר

עהערגעכטען 10 א זייגער אין דער פריה איז פּלוצלינג געשטאָרבען פון א האַרץ־שלאַק דאָקטאָר פעליקס באָגוצקי, וועלכער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק איבערגעגאַנגען אויף עמעריטור אַלס לאַנגיעהריגער באַהן־דאָקטאָר און לעצ־טענס שול־דאָקטאָר.

א 3־יעהריג קינד קראַנק געוואָרען אויף פּרישטשיצע

מיט איינינע וואָכען צוריק איז אויפ׳ן שטח פון אונזער שטאָדט פאַר־צייכענט געוואָרען דער ערשטער פאַל פון פּרישטשיצע־קראַנקהייט צווישען מענשען. אויף דער דאָזיגער קראַנקהייט איז דאַמאלס אוועקגעפאַלען א 22־יעה־ריגער יונגערמאַן.

איצט איז ווידער פאַרצייכענט גע־וואָרען א צווייטער פאַל. אין דאָרף פּאָטשעסנאָ איז אויף פּרישטשיצע קראַנק געוואָרען א 3 יעהריג מיידעלע.

רעמאָנט פון זאַוואַדעס קאָשאַרען

דאָס יעהרליכע דירה געלד אין דער הויך פון 61000 זלאָטעס, וואָס עס קומט דעם מאַגיסטראַט פונ׳ם מיליטער פאַר אַרענדע פון זאַוואַדעס קאָשאַרען, וועט היי־יאָהר פולשטענדיג איבערגעוויזען ווערען אויפ׳ן רעמאָנט פון די דאָזיגע קאָשאַרען.

שמואל גראַדאָן ז״ל

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז די וואָך געשטאָרבען דער בכבודיגער היגער בעל־הבית ר׳ שמואל גראַדאָן ז״ל.

דער פאַרשטאָרבענער איז געווען איינער פון די עלטסטע גערער חסי־דים, געווען איבעראַל בעליבט און זיינע הונדערטער תלמידים האָבען איהם געאַכט און געשעצט. דער נפטר איז געווען א פרומער אָבנעהימענער יוד און איז תמיד געזעסען על התורה ועל העבודה.

אין דער לויה האט אנטיילגענומען א גרויסער עולם מלווים, וועלכע האָ־בען זייער רבי׳ן אָבגעגעבען דעם לעצ־טען כבוד.

ת. נ. צ. ב. ה.

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו

צוליעב דעם וואָס דעם יודישען בעקער קומט אויס צו רוהען 2 טאָג אין דער וואָך, שבת און זונטאָג, וואָס צוליעב דעם געפונען מיר זיך אין א קריטישער לאַגע. געגען דעם אויבענדערמאָנטען האָבען מיר געפיהרט אַנ׳ אונערמידליכען קאַמף, אָבער ליידער האָבען אונזערע פאַך־שונים אונז מנצח געווען.

דעריבער ווענדען מיר זיך, יודישע בעקער, צו אייך יודען: העלפט אונז מיט אין אונזער קאַמף פאַר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ, דאָס מיר זאָלען האָבען די מעגליכקייט זיך ווייטער צו דערהאַלטען.

געדענקט, אז 60 יודישע פאַמיליעס שטעהט פאַר די געפאַהר צו פאַר־לירען זייער ברויט. די איינציגע רעטונג אונזערע בעשטעהט אין דעם, אז איהר זאָלט זיך אָנגרייטען פרייטאג געבעקס אויף שבת און זונטאג. דער־מיט וועט איהר אויך אָבהיטען אונזער שטאָדט פון א גרויסען חילול־השבת.

מיט אכטונג

דער עלטסטער פוז יוד. בעקער־צעך.

דזשיגאַן און שומאכער אין טשענסטאָכאָוו.

שבת דעם 6 און זונטאג דעם 7־טען אויגוסט וועלען אין זאַל פון די פייער־לעשער אויפטרעטען די שוין נישט־לאַנג געזעהענע ביי אונז ליבלינגען פון דער יודישער רעוויע, די לאַכענ־דיגע דזשיגאַן און שומאכער.

נאָכ׳ן פאַרענדיגען דעם טעאַטער־סעזאָן אין וואַרשע, מאַכען זיי איצט א טורנע איבער פּוילען צו ווייזען דער פּראָווינץ דעם נייעם פּראָגראַם.

צוזאַמען מיט דער פריילעכער חברה קומט אויך די בעקאַנטע זינגערין לאָלא פאָלמאַן.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה׳ ב. באָטשאַן אַלעע 6.

פון קאַמעראַל־טעאַטער

דעם 1־טען שערפּיען ה. י. וועלען אין זאַל פון קאַמעראַל־טעאַטער פּאַרקו־מען צוויי קאָנצערטען פון „קליינעם אָרקעסטער פון פּוילישען ראַדיאָ" (18 פּערזאָן) אונטער דער דירעקציע פון ז. גוזשינסקי, ווי אויך ד. קאָסטושעווקא און סט. וויטאָס. אָנהויב פון די קאָנ־צערטען 7 און 9 אָוועגד. איינצעלהיי־טען אין די אַפישען און פּראָגראַמען.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה׳ מ. הויפטמאַן צו דער יאָהרצייט פון זיין מוטער 5 קילאָ ברויט.

ח׳ מאיר פייגע צו דער יאָהרצייט פון זיין מוטער 5 קילאָ ברויט.

ה׳ ישראל פישער צום 3־יעהריגען געבורטס־טאָג פון זיין זוהנדעלע 5 קילאָ ברויט.

וואָס פאַר א אויפשריפטען דאַרפען זיך געפינען אויף שילדען

אין גאַנץ פּוילען איז איצט זעהר אַקטועל דער צוואַנג אַרויסצוהענגען שילדען און ווי אזוי ס׳דאַרפען די שילדען געשריבען ווערען. צוליעב דעם וואָס נישט אַלע גיבען זיך אָב א חשבון דערפון אז פאַרשידענע אונ־טערנעמונגען דאַרפען האָבען פאַרשי־דענע שילדען ברענגען מיר דאָ אויכ־פיהרליך די פאָרשריפטען וועגען אַרויס־העגגען שילדען.

וואָס פאַרא שילדען דאַרפען האָבען נישט־רעגיסטרירטע סוחרים.

די סוחרים, וועלכע זענען נישט אַריינגעצויגען אין האַנדעלס־רעגיסטער מוזען בעצייכנען זייערע אונטערנעה־מונגען מיט׳ן פולען נאָמען און פאַ־מיליע נאָמען פון בירגער. יעדער נאָ־מען וואָס געהער נישט צום נאָמען און פאַמיליען נאָמען פון בעזיצער, אָדער פאַרקירצונג, זענען נישט דערלאָזבאַר. נעבען נאָמען מוז אויך צוגעגעבען ווערען מיט וואָס מען האַנדעלט. מיר ברענגען דאָ א ביישפּיל. ס׳דאַרף זיין: „אַבּרהם ראָזענבאום, שפּייז־געוועלב", דאַגעגען טאָר נישט זיין: א. ראָזענ־באום, שפּייז־געוועלב.

שילדען פאַר נישט־רעגיסטרירטע ספּולקעס.

די זעלבע פאָרשריפטען וואָס באַ־זירען זיך צו שילדען פון אינדיווידוע־לע נישט רעגיסטרירטע סוחרים, זענען אויך חל אויף נישט־רעגיסטרירטע ספּולקעס. אויף דער שילד מוזען זיין אויסגערעכענט די נעמען און פאַמיל־יען־נעמען פון אַלע שותּפים. ס׳טאָר נישט זיין קיין פאַרקירצונג פון נאָמען און אויך נישט א נאָמען פון איין שו־תּף מיט דעם צוגאָב „און שותּפים". מען מוז אויך געדענקען, אז קיין שום אַנאָנימע אָדער סימבאָלישע נעמען פאַר נישט־רעגיסטרירטע ספּולקעס, ווי „פּראָגרעס", „רענאָמאַ" אָדער אַנדערע זענען נישט דערלאָזבאַר.

שילדען פאַר רעגיסטרירטע סוחרים

א רעגיסטרירטער סוחר, דאָס הייסט אזעלכער, וועמענס אונטערנעהמונג איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין האַנדעלס־רעגיסטער קען האָבען א שילד אויף דעם נאָמען ווי ער איז אַריינגעטראָ־גען געוואָרען אין רעגיסטער, אויב אין רעגיסטער געפינט זיך, אז די פירמע וועט געפיהרט ווערען אונטער׳ן נאָ־מען „א. ראָזענבאום", קען אויף דער שילד אויך אזוי זיין.

שילדען פאַר רעגיסטרירטע ספּולקעס.

די זעלבע פאָרשריפטען, וועלכע זענען חל אויף אינדיווידועלע רעגיס־טרירטע סוחרים בעציהען זיך אויך צו רעגיסטרירטע ספּולקעס. אויף דער שילד מוז זיין פונקט אזוי ווי די פירמע פיגורירט אין האַנדעלס רעגיסטער פון קרייז געריכט.

עס טרעפט זיך, אז אין האַנדעלס־רעגיסטער איז אַריינגעצויגען די פיר־מע „א. ראָזענבאום און שותּפים — אינהאָבער אברהם ראָזענבאום, וואָלף קראַנץ און מענדל שאַפּיראָ", דאַ־מאָלס מוז אויף דער שילד אויך אזוי זיין, אויך דאָ זענען נישט דערלאָזבאַר קיין שום אַנאָנימע אָדער סימבאָלישע פירמען, א חוץ אין דעם פאַל ווען אין האַנדעלס רעגיסטער איז די פירמע אזוי אויסגעגעבען געוואָרען.

ווי ווייט דער אַנטיסעמיטיזם דערגרייכט

דער טשענסטאָכאָווער שטאָדטישער צענטער פאַר פיזישער ערציהונג און מיליטערישער צוגרייטונג האט די לעצ־טע טעג אָרגאַניזירט מייסטערשאַפטען פון ספּאָרט־שפּיעלען, ד. ה. פון קויש־און נעץ באַל ווי אויך שטשיפּיאָרניאַק. אין די מייסטערשאַפטס קאַמפען נעמען אַנטייל פיעל פּוילישע ספּאָרט קלובען. מצד די יודישע ספּאָרט קלובען בע־טייליגט זיך נאָר דער היגער יודישער טורן און ספּאָרט פעראיין „מכבי".

אין משך פון דריי טעג פון די מייסטערשאַפטס־קאַמפען האט דער „מכבי" שוין בעזיגט די קלובען, מיט וועלכע ער האט זיך געטראָפען, ווי: „בריגאַדע" און „וויקטאָריע" און א דאַנק דעם צוגעלאָזט געוואָרען צום האַלב־פינאַל.

ווייזט אויס, אז דאָס לעצטע האט אַרויסגעבראַכט פון די כּלים די יודען־פרעסער. וואָס טייטש יודען וועלען תמיד געווינען? מען מוז מאַכען א סוף דערצו און ראַדיקאַל דאָס ערלע־דיגען און כך הוא.

מיטוואָך פאַרנאַכט, ווען די יודישע ספּאָרטלער פון „מכבי" האָבען זיך געפונען אויפ׳ן ספּאָרט פּלאַץ א. נ. פון מאַרשאַל פּילסודסקי, שפּילענדיג דעם ווייטערדיגען מעטש מיט׳ן ראַקאָווער „סאָקול", איז אַנ׳אָרגאַניזירטער המון זיי בעפאַלען מיט שטיינער און שטעקענס, וועלענדיג אזוי אָרום בעקעמפען די יודישע ספּאָרטלער.

דער מעטש איז איבערגעריסען געוואָרען און די יודישע ספּאָרטלער זענען גענומען געוואָרען אין שוץ דורכ׳ן קאָמיטעט, וועלכער אָרגאַניזירט די ספּאָרט שפּילען און וואָס האט זיך צום גליק געפונען אויפ׳ן ספּאָרט־פּלאַץ. ווייזט אויס, אז דאָס איז די נייעסטע מעטאָדע פון אַנטיסעמיטיזם צו בע־קעמפען יודישע ספּאָרטלער, אויב מען קען דעם נצחון נישט דערגרייכען דורך טעכניק דורך אויסשולען און אויסקוואַליפיצירען גוטע שפּילער דאַן בעקעמפט מען מיט דער פויסט. דער ברוטאַלער אַטענטאַט אויף די יודישע ספּאָרטלער וועט די מכב׳ער נישט אָבשרעקען, טראָץ דעם אומגעלומפּער־טען כוליגאַנישען אָנפאַל וועלען די יודישע ספּאָרטלער ווייטער ווירדיג קעמפען און מיט כבוד רעפּרעזענטירען דעם יודישען ספּאָרט.

ע. יאַקובאָוויטש

פון ספּאָרט

אין די ראַהמען פון די מייסטער־שאַפטען אָרגאַניזירט דורכ׳ן שטאָדטי־שען צענטער פאַר פיזישער ערציהונג איז פאָרגעקומען מאָנטאַג, דעם 25 ד.ח. א קויש־באַל־מעטש צווישען „בריגאַדאַ" און „מכבי". נאָך אַנ׳אינטערעסאַנטען קאַמף האט „מכבי" געזיעגט 43 אויף 22 און איז קוואַליפיצירט געוואָרען צום האַלב־פינאַל.

דינסטאַג איז פאָרגעקומען א מעטש פון נעץ־באַל צווישען „וויקטאָריאַ" און „מכבי". „מכבי" האט הויך בעזיעגט די „וויקטאָריאַ"־שפּילער 2:0 (5:30).

עס איז ווערט אונטערצושטרייכען, אז די „מכבי"־שפּילער מאַכען כסדר פאָרטשריטען, געוואונענדיג ביי די גע־וועזענע טשענסטאָכאָווער מייסטער, ווי „וויקטאָריאַ" און „בריגאַדע".

זש. ק. ס. (קאַטאָוויץ) — „מכבי"

דער „יודישער ספּאָרט־קלוב" פון קאַטאָוויץ געהערט ביים היינטיגען טאָג צו איינע פון די שטאַרקסטע יודישע ספּאָרט־קלובען אין פּוילען. די לייטונג פון היגען „מכבי" וועלענדיג מאַר דעם יודישען ספּאָרט עולם דעמאָנסטרירען, אז פוטבאָל אויף דער געהעריגער הויך קאָנען אויך בעווייזען יודישע ספּאָרט־לער איז נאָך לאַנגע שוועריגקייטען געלונגען אַראָבצוברענגען אויף א פריינטשאַפטס־מעטש דעם שטאַרקען זש. ק. ס.

„מכבי", וועלכע איז געוואָרען בע־קרעפטיגט מיט עטליכע פרישע אוואַנ־סירטע שפּילער וועט זיכער זיין א גלייכער געגנער צו די שטאַרקע שלע־זער.

עס איז ווערט צו בעמערקען, אז א חוץ דעם פּאָפּולערען טישאָוער און גאָטרייך געפונט זיך אין דער מאַנשאַפט דער 17 יעהריגער ליטוואַק, וועלכער האט געהערט צו איינעם פון די בעסטע דייטש יודישע ספּאָרט־קלובען.

דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער מעטש קומט פאָר שבת, דעם 30 ד. ח. 5 א זייגער נאָכמיטאַג אויפ׳ן ספּאָרט־פּלאַץ פון „מכבי".

א נייער דאָוואָודצע פון היגען אַרטילעריע־פּולק

נאָך אַנ׳1־יעהריגען דינסט פאַרלאָזט אונזער שטאָדט דער דאָוואָודצע פון אַרטיגען אַרטילעריע־פּולק דיפּלאָמירטער פּולקאָווניק סטאַניסלאַוו ראָלאַ־אַרצי־שעווסקי, וועלכער איז אַריבערגעטראָ־גען געוואָרען אויף אַנ׳אַנדערען פאַר־אַנטוואָרטליכען אַמט.

אויפ׳ן אָרט פון פּולקאָווניק אַרצי־שעווסקי איז אַלס דאָוואָודצע פון אַר־טיגען אַרטילעריע־פּולק נאָמינירט גע־וואָרען דיפּלאָמירטער פּאָדפּולקאָווניק סטאַניסלאַוו וואָיטאָוויטש.

Kino „LUNA"

סענסאַציאָנעלער באָקס־מעטש וועגען וועלט מייסטערשאַפט צווישען

דזשאָע לואיס און מאַקס שמעלינג

דער גאַנצער פערלויף פון צוזאַמענטרעף צווישען די גרעסטע באָקסער.

אויסער דעם דער הערליכער פילם

Przygoda pod Paryżem

ליבע, אינטריגע און סקאַנדאַלען.

KINO „EDEN".

דער אויסגעצייכענטער פילם!

רייצענד ליעד פון די גאָנ־דאָליערען אין ווענעדיג!

BARKAROLA

געשטיצט אויף די אייביגע קאָנפליקטען צווישן עהרע און ליעבע

אין דער הויפט־ראָל:

לידיא באַראַוואַ